ב אָ ב -- דער, | באָ? | . ( אָמ, נאָ ) מין האַרפֿאַרקעס, פּרוזש,

קורץ ENGL: BOB געשוירענע האָר | קטוו | .

ב אָ ב = א ו ן = צ ו ר -- נאָמען פֿון אַ שפּיל | סטוטש 517 | .

1873 " האט אנגעהויבן צו שפּילן אין לאפּעצקעס (באַב און צור), דערנאָך אין קערטלעך". אמד, דיא צווייא אונגלייכע ברידער מאטקע און הערשקע, ווילנא, ז' 21.

באַמערק: אין איין קאָרטל איז אנגעגעבן אַך עטימאָלאָגיע (?! ) ;

„бабки и цурки". P: со́чка ?

ב אָ ב -- דער, [illegible] =עס, פֿפּ (זן) ביב, באָבער, פֿקפּ בעבל, (VICIA FABA MAIOR) געוויקס פֿון דער משפּחה מאָטלבלומיקע (PAPILIONACEAE) פֿאַרשפּרייט אין דער מעסיקער זאָנע; זייַנע האַרטע און פלאַכע זאָמען וואַקסן אין גרויסע שויטן ( סטרוטשקעס); אַ נאַרהאַפֿטיק גרינס, וואָס איז געווען אַ פּאָפּולער מאכל ביי ייִדן. % ווייַסער באַב, טערקישער, רוסישער באָב. געשריבענע באָבעס (רויט= ווייַסע פאַרב), צעקנייטשטע באָבעס, צוקער=באָבעס. צו דעם שלום=זכר האט מען, ווי דער שטייגער איז, דערלאַנגט געשמאַקן באָב. אין ייִדישע שטעט פלעגט מען פֿאַרקויפֿן אין גאַס הייסע באָבעס.

VICIA FABA MAIOR

1850 " אז מען וויל האבין אז עס זאל קיין קנאביל פון דעם מויל ניט שמעקן זאל מען [...] עסין איין גיברא־טנים באריק אודר בוב ביזאטינים". | מחבר? | תעלה ארוכה בעשרייבונג פון זייער פילע רפואות [...], לבוב, תר"י, ז' 13.

[illegible] " פֿענצעקלעך [ פֿענצעק / פֿענצאַק = גראָבע פֿערלגרויפּן ] מיט באַבערלעך האָבן זיך גענומען,/ תשעה=באָב אַ חתונה, איז קיינער נישט געקומען"... פֿל

... " אַנדערע קייַען באַב און אַרבעס און גייען אויס פֿאַר אַ קאַלטן טרונק וואַסער". ממוס, צוריק אהיים, ציט אויסג' וואַרשע, ... ז' 65. (XVI, ב' 1912-1913) 

1908 " אַרבעס, באָב, לינדזן זענען די נאַרהאַפֿטסטע פֿון אַלע געוויקסן". מ. גאטליעב, פּאפּולערע אלגעמיינע היגיעניע, וואַרשע, ז' 26.

ווארשא, ז' 26.

1930 " ~~ארבעס,~~ עס קווען די באבעס אין שויטן". א. שומיאטשער, אין שעהען פון ליבשאפט, ווילנע, ז' 125.

1970 " די באבע רייזעלע האט אויך געהאט 'נעבן=געשעפטן' ווי צ"ב א ביסל געקעכטס צו דערווארעמען די קישקעס, דאס איז געווען איר געקאכטער ווארעמער באבער".
מ. מאיראוויטש, ס' זלאטשעוו, ת"א, ז' 129.

|| באבעלע(ך) - 1. פקפ פון באב. % באבעלע=זופ: באבעלעך מיט שילדערלעך, מיט רייז, מיט קליסקעלעך, מיט פערפל.

1970 " צווישן דריבנע רייד וועגן מקח פון באבעלעך אין הירזש". איש יאיר, איק, ר"ה=נומער.

2. פאסאליעס [ר. מאלער, יידיש אין סאנץ, יישפ VI- 3-6]. 547

0 באָב=טרעגער - דער, =ס. פֿאַרקויפֿער פֿון באָב אין באָס.

1951 " ס'זײַנען אויך געווען ניט ווייניק קליינע מאַרק-

באָב -...

הענדלער, אָרעמע פֿרוכטהענדלער, בעקערס און באָבטרעגער, וועלכע פֿלעגן אַרומטראָגן זייער ביסל סחורה אין אַ קאַרב פֿון הויז צו הויז". מ. בירמאַן, זב לישע I, ז' 1415.

באָביוויך - די, =ן. די פֿליסיקייט פֿון אויסגעקאָכטע באָבעס.

באָב=ייִדענע - די, =ס. פֿרוי וואָס האָט געהאַנדלט מיט באָבעס אין מאַרק אָדער פֿלעגט זיי אַרומטראָגן צו פֿאַרקויפֿן איבער די הײַזער, פֿאַר די ישיבֿה=בחורים אין בית=מדרש אַע.

1931 " |...| איז נייך, לייג די כוחות און היניע דאָ אין איינעם מיט די אַלע [...] קרעמערלעך און באָב=ייִדענעס". 58
מ. טײַטש, כּאַוועער ווהאַליעס טויט, כאַרקאוו, ז' 14.

1958 " דאָ קומען מיר אויף אַ שפּראַכלעכן שפּור פֿון אַ גאַנצער קאַטעגאַריע אין ווײַבערשן קליינהאַנדל [...]. אברהם 57.
רייזען שילדערט, ווי אַ באָב=ייִדענע באַקלאָגט זיך: |...| 'אוודאי איז רביצין' שענער ווי באָב=ייִדענע'".
י. ריבקינד, יישפ XVIII -2.

באָבעסשויט - דער/די - (ס'רוב אין מצ), =ן, די הילע, אין וועלכער ס'געפֿינען זיך די קערנער פֿון באָב.

1901 " מען טאָר ניט אויפֿמאַכן באָבעסשויטן [טעקסט: בובע שוטון] אָדער אַרבעסשויטן [טעקסט: ארבוס שוטון], אַז די שויטן זענען שוין אַזוי האַרט..."

קונטרס חברה שומרי שבת, פּשעמישל, ז' י - I.

44 באָב
1c3

באבעלע(ך)=וואסער – עס – דאס, בא. דער אפזייַ פון די אויסגע-
קאכטע באבעס.

1973 " [...] האט מען זיך גענומען וואשן, צוואגן די קעפּ,
מען האט אפגעזיגן אין דער וואשיסל דאס באבעלע=וואסער
פון די זיסע ארבעס". ח. ראזענפארב, דער בוים פון לעבן,
ב' III ת"א, ז' 324.

1973 " עס איז נאך געבליבן אויסצוואשן די קעפּלעך פון 549
די מיידלעך מיט באבעלעך=וואסער אדער נאפט".
ילד ס' סאסנאוויץ, ז' 440.

באבעלע=יויך – די, בא. דזוו דפוו.

באבעלע=יושקע – די, =ס. "זופּ פון באבעס מיט פאר- 551
שיידענע צוגאבן". [קשוו].

1932 " מער וואסער גיסט אין די באבעלע=יושקע! – האט
ער געשריגן צו די דינסטן. – נישט אזעלכע געדיכטע 552
זופן מאכטס!" ייז, יאשע קאלב, ווארשע, ציט אויסג,
נ"י, 1956, ז' 21.

פּפּ: 27 ווי באַב (פּפּ) - א א סך, געדיכט.

... " איך יענע ערטער, ווו יידן זענען אנגעזעצט ווי באַב,

33 מוז זיי געננוג די אויגן פונעם קאפ ארויסקריכן, ביז

זיי דערטאפן עפעס א פארדינסטל. ממוס, א סגולה, ציט

אויסג. ... ז' 15.

1910 " טוט מצוות ווי באַב, און ביי יידן בלייבט פּאַרט

25 אויף טויזנט קבצנים איין עושר". פּרוג, שריפטן ז' נ"י,

ז' 86.

1967 " אַלע האָבן געטרונקען |...| און געשאָטן חכמות,

28. ווי באַב. א. קארפּינאָוויטש, ביים ווילנער דורכהויף,

ת"א, ז' 23.

2. קליין.

1865 " זי האָט אַן עין=הרע היפּשע עטלעכע קינדערלעך,

8 פּיצלעך, ווי די באַב. גראַוויטש, ריב משפּחה [...],

ווילנא, ז' 8.

1889 " די באַרוועסע פּיסלעך, די נאַקעטע קעפּלעך // דאָס

24 זענען אירע קינדער, ווי באַב". ילג, שיחת חולין,

וואַרשע, ז' 14

ווארשאַ, ז׳ 41.

טרערן ווי באַב -- גרויסע טרערן.

1887 "[...] טרערן ווי באַב זענען געראָנען פֿון אירע אויגן"ע

ב. א. זאַביעזשענסקי, די שווערע צייט !!!, ווארשא, ז׳ 16. 23

גיסן טרערן ווי באַביריך - (איר) א) ווײַנען אַ סך; ווײַנען

ניט ערנסט, נאָר צוליב אָנשטעל.

קלאָר ווי באַביריך - (איר) גאָרנישט קלאָר, ווײַל באַביריך

איז דווקא געדיכט, אומדורכזיכטיק.

1932 " איך דער הישנטר=מאַשין האָט ער ניט קיין באַגריף,

און פֿאַר מיר איז זי קלאָר, ווי באַביריך..." איבז [?] 55

ג. ר. פּ. באַראַנאָוו, די יונגע טעכניקער איך קאַלווירט,

מינסק, ז׳ 43.

מע דאַרף (פֿריער) זיך אָנעסן מיט באַב.

ס׳איז שווער, ס׳איז ניט מעגלעך צונויפֿצורעדן זיך,

צו איבערצײַגן.

1888 " מיט אײַך צו ריידן, מוז מען זיך פֿריער אָנעסן

מיט באַב, ...און אַזוי ווי דאָ איז ניטאָ קיין לאַפּצאַווע 22

?| באַב [...] איז טאַקע גאַנץ שווער מיט אײַך זיך

צוזאַמענרעדן". ייפּאַל, נ׳5, ביילאגע, ז׳ 136.

כאַפּן ווי באַב - יאָגן זיך נאָך אַ געשמאַקער זאַך.

ווערטער ווי באַב - אַ סך, געדיכטע רייד.

צרות ווי באַב - אַ סך,

הימל און ערד און סטרוטש(ק)ע באַב (פֿול) - (איר) אַלע

זײַנען דאָ, קיינער פֿעלט נישט, גאַנץ קהל איז שוין דאָ.

באַבאָווניק -- דער, =עס. (באָט) אַ קרײַטעך,

(MENYANTES TRIFOLIATA) פֿיליאַריק געוויקס, פֿאַרשפּרייט

אין זומפּן פון דער מעסיקער זאָנע, ווערט גענוצט ווי

אַ היילמיטל.

1924 " ווײַטער איז ׳באַבאָווניק׳, אַ גאַנץ אומשולדיקער

גראָז". פּגעז, נ׳ 9, ווילנע. 60

באַבאַטשקע -- ------> באַבעלע.

באַבבוים -- דער, ביימער [סטוטש 250].

באַבאַ [אַקצענט ?] (קל) "ס'טוט ווייִ" [ב. ראַבאָן, יישפּ VIII, 3 - 4, ז' 73].

באַבאַי -- דער, =עס. פּערסאָנאַזש פֿון דער דעמאַנאָלאָגיע, מין רוח, ניט=גוטער, שד.

68 1895 " [...] פֿלעגן זיי מיך שטענדיק שרעקן מיט אַ שד, אַ באַבאַי, אַ רוח, אַ דאַמאָניק". ייל, דאס פּוילישע יונגל, אַדעס, ז' 13.

באַבאַיקע -- די, =עס. 1. "אַ לאַנגער דראַנג, אַרום-געטעסעט ווי אַ לאַפּאַטע, וועסלע [=רודער], צוגעבונדן
69 צום צענטער פֿון אַ פֿלעניצע [=בינטל פֿליטן], מיט דער באַבאַיקע ווערט רעגולירט [געקערעוועט] די ריכטונג פֿון שווימען [פֿון די קלעצער, פֿליטן]" [קסטוו].
2. " אַ גרויסער רודער, צוגעפּאַסטיקט צו אַ שיפֿל" [קסטוו].

באַבאַכקען -- אוסמוו. (אַנאַמאַט) קלאַפּן, רוישן,
70 כסדר אַרויסגעבן אַ קלאַנג 'באַ-באַך! באַ-באַך'. % די האַרמאַטן באַבאַכקען פֿון אײן דער פֿרי אָן - זעט אויס, עס גרייט זיך אָן אָפּענסיווע פֿון שונא.

באַבאַלע - די, =ס. (רעג, ליטע, לעטלאַנד) "באַליביקער
73 קריכיקער אינסעקט, ווי זשוק". | קסטוו, כ. לעמכען |.

באַבאַלעך -- מצ. (לאָקל, סאַניק, גאַליציע) בעבלעך. ??
19... " מע האט געזאָגט באַבאַלעך און בונדלעך (בעבלעך)". ??
74 ש. נאָבל, יישפּ, XXV - 2, ז' 48.

באַם. צו וואָס? ס'איז דאָך ניט מער ווי דער אַלגעמיינער דיאַל אַרויסרייד. פֿאַר וואָס ניט הודאַלעך, אָדער ... קינדערלאַך, טאַטעלאַך?

באַבאַלקנס -- אַדי / אַדוו. וואָס איז מיט באַלקנס, באַליקעס. % באַבאַלקנטע סופֿיטן.

1949 " עס איז אָן אומהיימלעכער גערוימער געוועלב מיט ...

76 שווארצע באלקנס באבאלקנט" | אדוף". אש, ווארשע,

נ"י, 1949, ז' 80.

באבאנע -- =ס. דזוו באמבאנע ( ---> )

1938 " זי האט מיר צוגעזאגט סשאקאלאד און באבאנעס"

.78 מאן, נאענטע געשטאלטן, ווארשע, ז' 495.

באמ: געבן ביי באמבאנע די ציטאטע? מסתמא א גרייז פון דרוק אדער פון אויסשרייבער...

באבאק -- דער, =עס. (לאקל, מאלד) יונגע גאנדז"

% . "די באבאקעס עסן זייער פיל און זיי [קטוו]

.80 וואקסן שנעל, און דריי חדשים זענען זיי גענדז". [קטוו].

באבארגט -- אדי / אדוו. (שנש) וואס איז מיט

בערג, האט א סך בערג.

1968 " באטאלט, באבארגט | אדוד איז אויסטעראליש די ערד".

.82 לע, אפקלייב, נ"י, ז' 53.

באבארד (ע) ט -- אדי. | שנש? | מיט א בארד, באוואקסן

מיט האר ... א בארד.

1943 " רייד, וועלכע קומען ארויס פון צעשפרייטע באבארדעטע

.87 ליפן". אש, מאן פון נצרת !!, ז' 101.

"[...] אויסגעמאגערטע, פארשווארצטע, באבארדטע

.83 שאטנס". ד. קעשיר, זשאמלונגען, ז' 80.

באבארדיקט -- אדי. [שנש?] דזוו דפוו.

1926 " עפעס אזוי ווי איך א פיבער האבן די געדאנקען

86 פולסירט אין דעם קאפ פון דעם באבארדיקטן מענטשן".

נאמ, דאס רבישע אייניקל, ציט אנס, ז' 398.

1972 " |...| קאנטיקט זיך נאך דער צעגאנגענער, באבארדיקטער

קאפ פון זיין טאטן". ל. ראכמאן, גק נ' 76, ז' 103.

באבארטיק -- אדי/אדוו. אין דער פארעם פון א באב

156.

ב אַ ב ר -- דער?, =ס ?, מין טיטל [ווו?]. | סטוטש 544 |.

ב אַ ב ו י כ ט -- אדי. מיט אַ גרויסן/גראָבן בויך.

1926 " עס האָט זיך אים דערמאָנט ר' בער, אַ הויכער געזונטער
ייד, אַ ביסל אַ באַבויכטער". נאָם, דאס רבישע איינקל, 99
ציט אנט, ז' 401 - 402.

ב אַ ב ו י מ ל ט -- אדי. באַדעקט / באַשמירט מיט בוימל,
דורכגעזאַפּט מיט בוימל. % באַבוימלטע קיכעלעך.
* באַבוימלטע לאַמטערנעס". ~~סמב...~~ 102

ב אַ ב ו י מ|ע ן -- טרוו. (שנש) פּפּ באַבוימערן.
פאַרפלאַנצן ביימער, באַדעקן אַ שטח מיט ביימער.
1963 " אַ יישוב אַ שיטער באַבוימטער ~~...~~". אַפּאַ,
וואַך איז דער סטעפּ, ת"א. 101
1965 " ער באַפּלאַנצט עס באַבוימט און באַבליט דאס [...]".
ו. מאַניק, זש' צוק, מאי - יוני, נ"י. .104

ב אַ ב ו י ע ן -- טרוו. אויסבויען אַסך הייזער אויף
א געוויסן פּלאַץ, פאַרפולן מיט בנינים; פאַרבויען.
% די נייע גאַס איז שוין באַבויט פון ביידע זייטן.
1919 " אויב קלוגע [...] יידן נעמען זיך אונטער צו
באַבויען אַ ווילדערניש, קאָן מען זיך אויף זיי [...] .106
פאַרלאָזן ~~...~~. זשיט, צז, נ"י, ז' 86.
1926 " דאס יידישע לאַנד אַרום איז אַלץ מער געוואָרן באַבויט,
עס זענען צוגעקומען מענטשן", אַפּאַ, אַן, ז' 60. 98

2. (עלט) באַאַרבעטן, אַרומאַרבעטן, באַזאָרגן.
1901 " צו 200 דונאַם באַבויען מוז אַ קאָלאָניסט האָבן
וויי ניקסטנס 4 אָקסן און 2 קי". א. זאַלץ, בע- 7771
מחנים, יודישער פאָלקסקאַלענדער, תרס"א,
רעד' ג. באַדער, לעמבערג, ז' 121.

ב אַ ב ו ל ע -- די, =ס. פּפּ | דיאַל? | באַבילע | לז |.
1. פּאַפּיר, וואָס מע פלעגט אַ מאָל ניצן צום איינזאַפּן,
אָפּטריקענען דעם טינט; לעשפּאַפּיר. % דאָס אָנגעשריבענע
האָט ער גלייך אָפּגעלאָשן מיט באַבולע, דער טינט זאָל זיך
ניט צעפליסן.

2. דין און ווייך פּאַפּיר צום אײַנפּאַקן פּרוכטן, בלומען אַע,
אויך צום אויסשנײַדן פֿאַרשיידענע באַפּוצונגען. % די
אתרוגים ליגן אין די קעסטלעך, יעדער אײַנגעראַ אין באַבולע.
פּאַפּיר

1951 " |...| ווערן אריינגעזויגן [...] ווי חלב אין באַבולע
אונטער אַ הייסן פּרעס". זש, שקלאַווער קינדער, נ"י, ז' 183. 115

3. גראָבער פּאַקפּאַפּיר, פּאַפּיק און אויך אײַנזאַפּיק. % דאָס
היטל=צוקער איז אײַנגעפּאַקט אין באַבולע.

" ער לויפט פונעם יאַריד מיט אַ פּאַק באַבולע=פּאַפּיר".
שע, מאַטל [illegible], ציט אויסג. [illegible] ז' 66. 117

|| באַבול(ע)ן - אדי. (ווי) פון באַבולע.

1971 " די ייִנגלעך וועלן [...] אַ גאַנצן טאָג קלײַבן
באַבולענע פּודלעס און אַנדערע צאַצקעס דאָרטן". אי.קיפּניס, 122
מײַן שטעטעלע סלאַוועשנע, [illegible], ת"א.

באַבון -- דער, =ען. מאַלפּע (ווסנ PAPIO), לעבט
אין אַפריקע און אַראַביע.

1958 "|...| אירע באַבונען (מאַלפּעס) דאַרפן זיך נוקם
זײַן אין אים". זש' אַמעריקאַנער, [illegible] 1/. 125

" קאַקאַסנים, באַוואַקסן ווי באַבונען, געבראַכט פון
דזשונגל". מצ, פּוז, 2, ת"א, ז' 457. 123

באַבוניע -- באַבע.

באַבוק -- דער, =עס שד, רוח, ניט=גוטער מיט אַן
אָפּשרעקנדידיקן אויסזען.

1909 "[...] זייערע רייד זענען נאָר אַ בלויזער באַבוק
אנגעמאַכט, דאָס פּראָסטע פּאָלק אָפּצושרעקן". מחבר 129
דער געדאַנק וועגן ציון, פּיעטרקוב.

1939 " מען שרעקט אים מיט פּגנדרען ווי מיט אַ באַבוק".
זש, באָם דניעפּער, ווילנע, ז' 263. 133

1962 " זיי זענען אַלע געהאַט אַריבער צו די שונאים: בעל=
זבוב, צי באַבאַ יאַגאַ, באַבוק [...] זיי האָבן געהויבן 128

שטורקאַצן, געהירזשעט". [...] באַש, פֿאַר, ווּא 30/.

באַ בטענה [באַ בעטײַנע] -- דער, מצ באַי בטענה [באַי בעטײַנע]. דער וואָס קומט מיט אַ טענה, אַ פֿאָדע- רונג, דער מאָנער, אָנקלאָגער. % דער באַ בטענה האָט פֿאַרן בית=דין געריעדט שאַרפֿע דיבורים, געפֿאָדערט אַ שבֿועה.

1932 " ער איז אויך געווען אַ באַ בטענה; ווי הייסט? דורך זײַן תּאוות הממון האָט דאָס ייִדל אויפֿגעאָפּפֿערט זײַן כּשר ווײַב ". י. ל. שפּירא, דער ייִדישער גייסט - תּקיעת שופֿר, מונקאַטש. 13,

.... " די ייִדישע ליטעראַטור אין אַמעריקע [...] גייט ניט אָוועק פֿון שטעטל - האָבן די באַי בטענה געהאַלטן אין איין האַמערן". אַפֿאַ, טמז. 13/a

באַבטשע -- ----> באַבע.

באַביאַ -- דאָס, באַ. (רוסיצ, נאַ) ווײַבער, ווײַבערשער מין.

1896 " עך, באַביאַ! פֿון זייערע טרערן איז ניט אויסצוהאַלטן" ע. בלאַשטיין, דיא צווייטע חתונה, ווילנא, ז' 10. .142

באַבי=יאַר -- דער, באַ. 1. (גנ) אַ טאָל לעבן דער שטאָט קיעוו, ווּ די דײַטשן האָבן אומגעבראַכט טויזנטער ייִדן.

1960 " ווען אײַער גלויבן 'אני מאמין באמונה שלמה' אין פֿעלקער=פֿרײַנדשאַפֿט' איז געלעגן טויט אין באַבי יאַר מיט די הרוגי קיעוו אין די גריבער, די געהיימע". חג, טמז, 17/IV. .144

2. (פֿיג) אומקום, חורבן, סימבאָל פֿון די דײַטשע רציחות.

1956 " [...] ווען אויפֿדעקן וועט זיך אין גאַרן גרויל דער טויזנטשטעטלדיקער באַבי יאַר". פֿמ, מלחמה, II, נ"י, ז' 466. .143

באַביאַזש -- דער, =עס. 1. ( פּאָלאַנ, נאַ ) ווײַבערניק,

145-147 שיקסעניק, אַ מאַן וואָס יאָגט זיך נאָך יעדער קליידל.

% ר'האט שוין געהאט צען כלות, אָט דער באַביאַזש.

2. ( איר ) „צעקראַכענער מאַן , מיט אַ ווייכן, פֿרויִשן כאַראַקטער" [ קטוו ].

באַבי'ט -- דער. ~~געשמעלץ פֿון מעטאַלן, ווערט באַניצט דער עיקר צום אויסבעטן די אַקס אָדער וואַלגעלעגער פֿון מאַשינעס, כּדי צו פֿאַרקלענערן די רײַבונג.~~

1920 " [באַביט] - אַ לעגירונג פֿון 89 פּראָצענט צין, 7½

151. פּראָצענט אַנטימאָן און די איבעריקע קופּער, ווערט געניצט אין טיילן פֿון מאַשינען, וואָס זײַנען אונטערגעוואָרפֿן פֿיל רײַבונג". ס. פֿײַנסטאָן, כעמיע, נ"י, ז' 254.

באַבײַכלס -- אַדי 1. מיט אַ גראָבן בייכל, אַ ביסל פּעטלײַביק.

155. 1946 "באַבײַכלסע שדכנים". ייִט, פּוילן III, ז' 267.

2. ( שש ) וואָס טראָגט אַ קינד אין בויך, מעוברת, שוואַנגער, טראָגעדיק. % דאָס באַבײַכלטע ווײַבל איז שוין אין די הויכע חדשים.

באַבײַכלען -- טרוו. ( וווּלג ) מאַכן שוואַנגערן, טראָגעדיק.

1965 " זײַט זיכער, אַז איך וועל זי ווידער באַבײַכלען,

156. און זי וועט פֿון מיר ווידער געבוירן קינדער". איבז אַשעראַוויטש, אי. באַבעל, פּאַר, III/7.

באַביימערן -- טרוו. פּפּ באַבוימערן . פֿאַרפֿלאַנצן ביימער.

1959 " דײַן זאַמדשטויב [...] וועט ווידער זײַן באַביימערט

158. און באַגראָזט". י. צ. שאַרגעל, פֿון ווײַי און גלויבן, ת"א, ז' 112.

1967 " [...] כאַפּן אַ שפּאַציר אין די באַביימערטע [פּאַרקן]

הינטער=געסלעך, צו קוקן אויפן ים |...|". אפא, טמז, .159

.30/I

1973 " ווען די זון שטייט נאך הויך און די

באבוימערטע בערג זיינען געהילט אין לויטערן גאלד". .105

מ. דלוזשנאווסקי, זש צוק, יאנואר, ז' 11.

ב א ב י כ ע ר ט -- אדי. ( שנש ) פול מיט ביכער.

... צווישן די באביכערטע ווענט פון דער צימער". .160

ב א ב י ל א נ י ש -- אדי. פון באבילאניע (בבל), וואס

וואס איז שייך צו בבל; בבליש.

1951 " דאס ליטווישע יידנטום פון דער לעצטער תקופה

קען מען פארגלייכן מיטן באבילאנישן יידנטום, וואס .162

האט געשאפן דעם תלמוד בבלי". ש. אטלאס, זב ליטע I,

נ"י, ז' 605.

1964 " אנשטאט באבילאנישע טורעמס, אנשטאט עגיפטישע

פיראמידן, האבן מיר געהאט אט באוועגלעכן משכן...". .161

אפא, ציט בצג, טמז, II/8.

ב א ב י ל ד ע ר ט -- אדי. ( שנש ) מיט בילדער, אילוסטרירט.

1973 " אזוי זעט זיך ארויס די געבונדנקייט פון פארשיידענע

אנדערע באבילדערטע לשון=קודשע ספרים [...]". .164

מורג I,..., ז' 196.

ב א ב י מ י ם [בא בעיאמים] - דער, מצ באי ~ |קאעי ~|,

א באטאגטער מענטש, איינער וואס איז אריין אין די

עלטערע יארן. % זיין פאטער האלט זיך נאך פעסט, כאטש

ער איז א בא בימים, אריבער די זעכציקער.

1968 " ווען איך בין אריבער די שוועל פון ווערן א בן=

שבעים, האט עס מיך דערמאנט, אז איך ווער א 'בא בימים'". .14

נ. צוקער, קרישקעלעך גליק, ב"א, ז' 5.

באַביע=ליאַטאַ -- דאס, באַ. פּפ ( פּוילן ) באַביע ליאַטאַ.

< P: babie lato; Uk: бабине літо B: бабина лета

1. די וואַרעמע שיינע טעג אין האַרבסט, ווען עס פֿליִען אַרום אין דער לופֿט פֿעדעם פֿון שפּינוועבס.

1972 " איצט איז דאָרטן באַביע=ליעטאַ - א געפֿלאַקער פֿון קאַלירן..." ז. טעלעסין, גק נ׳ 77, ז׳ 173. 167.

2. דאָס שפּינוועבס וואָס שוועבט אַרום אין דער צייַט.

באַביצע -- ← באַבעצע.

באַביצע -- ← באַבעצע.

באַביק I דער, =עס. ( לאַקל סאַנץ, מג )אַ שד, אַ נישט=גוטע[ר] ר. מאהלער, יישפּ IV - 3 - 6, 1944.

באַם: מיִסתמא דז וואָס באַבוק. אין אונדזער פּויל וווב ניטאָ אַזאַ זאַך. צווייטעמעגלעכקייט:

< P: Bóbak - marmota bobac - ssak należący do rzędu gryzonie <R: байбак

באַביק II - דער, |מצ =עס?, באַ?|. בנב.

1947 " [...] לייגט אים פֿאַר פֿאָרן מיט אים צום לאַזאַווקער [פּריץ] קויפֿן באַביק". י. דאַברושין, 178

.58 'ז

178 י. דאברושין, "לאָזאָווקער [פֿריץ] קויפֿן באַביק".

די בערגלאָסן, מאסקווע, ז' 58.

..........................................................................

רעד: א) 'באַביק' צי 'באָביק'? ב) וואס מיינט עס?

באמ. פֿון קאָנטעקסט איז ניט קלאָר דער באַטײַט. קאָן זײַן:

1) פֿקפֿ פֿון באָב? אָבער געניצט [?]וּוקא בעבל.)

2) געוויקס, קרײַטעך ) Medicago Sativa וויב — УК: бобик

P: bobek — Laurus Nobilis (

3) לאָרבער

4) ס'קאן זיין א טעות: אָנשטאָט באָבריק: געוויקס, קרייטעך,

УК: бобовник / P: bobek } Menyantes trifoliata

א) באָבאָווניק

ב) פֿעל פֿון ביבער?

ג) שטאָף „באָבריק" ( סטוטש 524 ) דאָס קויפֿט מען נישט בײַ פּריצ-

באַביקסלט -- אדי. אדוו. וואס טראָגט / האט א ביקס(ל).

1933 " דאָס זײַנען דאָך ניט קיין סתם מענטשן... דאָס

179. אַלץ זײַנען פֿרײַנד אָדער פֿײַנט... און אַלע - באַביקסלט!

אַדער, מענטשן מיט ביקסן!". ש. גאָדינער, דער מענטש

מיט דער ביקס, !!, מאסקווע, ז' 184.

182 ... " און שפּאַנט מיט נאָך איינעם אַן אָרטיקן באַביקסלטן

רויטארמייער". בערג [?], [ ]/// [?]

באַבירוס(ע) -- דער/די - =ן/ =ס ( זאָאָל ).

ווילדער חזיר, לעבט אין אַפֿריקע אין בלאָטעס און בײַ

די טײַכברעגן ( ווסנ (PORKUS BABARUSSA

באַביש -- אדי. ---> באַבע.

ב אַ ב ל אָ ט י ק ט - אַדי. אויסגעשמירט אין בלאָטע; פֿאַרבלאָטיקט.

1930 " די קינדער זײַנען צוריקגעקומען פֿײַכטע, באַשנייטע, באַבלאָטיקטע". אש, וואַרשע, צײַט אויסג 1949, נ"י, ז' 47. 190

ב אַ ב ל אָ ט ע ר ט - אַדי/אַדוו. [illegible] מיט [illegible] בלאָטערן, פֿענכערס [מאַרק ווב 760]. % די הענט זײַנען שטאַרק באַבלאָטערט נאָכן אָפּבריִען זיך.

=קייס. |מאַרק ווב 1760|. [illegible]

ב אַ ב ל וּ מ ט - אַדי. וואָס האָט [illegible] בלומען.

בלו-3323 1908 " גאָלד און טרעלן טונקען אײַן // אין אַ וווּנדער=ים פֿון כּישוף// דעם באַבלומטן פּלאַנצן=ייִשוב,// און עס שמעקן מירט און ווײַן". מר, שריפֿטן VII, נ"י, ז' 13.

199 1930 " פֿלאַמען, ווי ליכטלעך, צעפֿלעכטן זיך ווי יונגע באַבלומטע צווײַגן". אש, וואַרשע, צײַט אויסג נ"י 1949, ז' 170.

קאַרטל? 1972 " [...] האָט זי צו דער [illegible] באַקראַנצטער און באַבלומטער בינע איר באַשיידן בלימל [...] צוגעלייגט". דער נסתר, זב לא אמות כי אחיה, ת"א, ז' 13.

ב אַ ב ל י מ ל ט - אַדי. באַצירט, באַמאָלט מיט בלימלעך.
% די פֿויערטע גייט אין אַ בונטן באַבלימלטן קליידל.

207 1936 "[illegible] זי האָט דערזען אין |...| שאַפּקעלע בלויז פֿיר באַבלימלטע שיסעלעך, עטלעכע בלעכענע טעלער". רחל קאָרן, ערד, צײַט אנט, ז' 570.

206 1956 " אַרום די ווענט—שפּיגלען פֿון ווענעציע אין זייערע ראַמען פֿון באַבלימלטן גלאָז". [illegible] זש' פֿאַריזער צײַטשריפֿט, נ' 14, ז' 31.

באַבלימען -- טרוו. 1. באַדעקן מט בלומען.

1964 " די ערד, ווי פֿרילינג קומט מיט טויענטריט, באַבלומט

.208 און באַבליט אירע טאָלן". י. מאַניק, אין טריט פֿון

דיין וואַנדער, ת"א, ז' 58.

2. באַצירן ( ווי ) מיט בלומען.

1876 " איינע מיליאָנערין האָט זיך אַ מאָל געלאָזט זען אין

204 גאַס אין איינעם קלייד וואָס וואַר דורכויס באַבלומט

מיט פּערל און בריליאַנטן". אמד, די אלטע ליעבע ראסטעט

ניכט, ווילנא, ז' 10.

1962 " די מאָלער [...] וועלכע האָבן באַבלומט די [ פֿאַרצעליי=

202 געשיר, זיינען געווען די העכסט באַצאָלטע שטיק=אַרבעטער".

מ. סומליאר יזב זוהל ( נאָוואָגראַד=וואָלינסק),

ת"א, ז' 83.

3. ( שנש ) באַשיינען, צוגעבן חשיבות.

1968 " [...] זיינע תורות און שבחים ווערן פֿאַראייביקט

.209 זיי באַבלימען [...] דעם יזכור=בוך מיט זייער צדקות,

ווי לעבעדיקע בלומען". ש. גולדשטיין, יזב להזכרת

קהלת ליסקא, חיפה, ז' 23.

באַבליִען -- טרוו. מאַכן ס'זאָל בליִען, וואַקסן.

1945 " איצט וועלן די סלופּעס פֿון אונדזער תּליה // מיט

.212 נייעם גלויבן דעם וואַלד דיר באַבליִען". מבא, דער

גייער, נ"י, ז' 413.

1963 " [...] גראַניטענע סטעפּעס באַבליסטו // מיט גבֿורה

.214 פֿון דיין געבאָט". סוצ, פֿור !, ת"א, ז' 214.

1964 " [...] ערד, ווי פֿרילינג קומט [...] באַבלימט און

208 באַבליט אירע טאָלן". י. מאַניק, אין טריט פֿון

דיין וואַנדער, ת"א, ז' 58.

באַבליצן -- טרוו. ( שנש ) באַלײַכטן ווי דורך אַ בליץ.

1947 " באַבליצן די אָדערן מיינע / מיט אַנטפּלעקונגען

217 פֿון זייך" מבא, א דור, נ"י, ז' 11.

1963 " די יונגזון [...] אירע אויפגעשטראלטע געדאנקען

216. באבליצן א געוואסער". סוצ, פון I, ת"א, ז' 112.

באבלעזלט - אדי. וואס איז מיט בלעזלעך, בלאטערלעך.

1974 " [...] עס עקלט אים איצט דער קוש פון א באבלעזלטער

220. ליפּ". י. עלבערג, אויפן שפּיץ פון א מאסט, מאנטרעאל,

ז' 273.

באבלעטערן -- טרוו. באדעקן מיט בלעטער, מאכן

ס'זאלן וואקסן, שפּראצן די בלעטער. % באבלעטערטע בוימער

1957 " איך האב געבענטשט היינט גשם, / האט גאט, ברוך=

231. הוא, דערהערט / און האט דעם וואלד באבלעטערט /

און אנגעגראזט די ערד". הר, פּארנאכט, ליד "באניייונג".

1963 " דאס איז דער עץ=החיים / באבלעטערט מיט לעבעדיקן

230. יידן=דור [...] ". סוצ, פון II, ז' 436.

באבלעטערן זיך -- רעפל. ס'איז שוין פרילינג, די ביימער

האבן זיך באבלעטערט.

באבלעטערונג - מארק וב 1367, סטוטש 249.

באבלעטערט - פּאדי. וואס האט בלעטער, איז באדעקט מיט בלעטער.

1953 " אונטער א געדיכט באבלעטערטער סאסנע |sic!| האבן

226. מיר אנדזער דאך [...] פארצויגן". ל. רייזער, גאפ,

נ' 7, ז' 33.

1963 " א לאנד וווּ ביימער זעען אויס באבלעטערטע חלומות",

224. סוצ, פון II, ת"א, ז' 182.

1968 " [...] א שנאבל וואס א רויבפויגל רוקט ארויס פון

225. א באבלעטערטער געדיכטעניש". חג, צמח אטלאס.

=באבלעטערטקייט

1966 " וואס זאל ער זיי איך זייך באבלעטערטקייט באגראבן?".

האל, מיין אוהצן, מאסקווע, ז' 115.

232.

באבלעכט -- אדי / אדוו. באדעקט/ ארומגענומען מיט

בלעך. % באבלעכטע קאסטנס.

1955 " די דעכער זיינען געווען באבלעכט".

↓

233 יג״. פּיגאַל, לעצטע לידער, מאָנטרעאַל, ז׳ 195.

באַבלען I - טרוו. איינדעקן, איינוויקלען, איינטוליען.
% דאָס קינד באַבלט מען, עס גייט צו וואָרעם אָנגעטאָן,
פאַרקילט זיך עס טאָקע אָפּט.

באַבלען II -- אומוו. בורבלען, בלעזלען זיך.
1926 " באַלד ווי עס וועט ווידער זיין [ דאָס קרויט ],
236 מאַכט קלענער דאָס פייער און לאָזט נאָר באַבלען, ניט
זידן, ביז עס וועט ווערן ווייך". מ. שולאָוו, וועגעטאַריאַנער
קאָך-בוך, ז׳ 103.

| |
|---|
| רעד: ס׳איז מסתמא אַ פאַרגרייזונג [ דיאַלעקטיש? ] פון בורבלען. |

באַבן --- טרוו. [ סטוטש 528 ]. ( אַמ, נאַ ) שערן די
238 האָר קורץ. % כ׳גיי מאַרגן באַבן די האָר, שוין צו
לאַנגע.

באַבניק -- דער, =עס. ( רוסיצ, נאַ ) ווייבערניק,
איינער וואָס יאָגט זיך נאָך אַ ליאַדע פרוי. % דער
דאַזיקער באַבניק ווערט פאַרציטערט, ווי נאָר ער דער-
זעט אַ קליידל.
1920 " דו, באַבניק!... אַנו, פאַרנעם זיך!". פּ. סימאַ,
243 דערציילונגען, קאַראַקאַוו, ז׳ 172.

ב א ב ס ק ע -- אדי ( שש) 1. ווייבעריש, פון ווייבער,

פון פרויען, % מיש זיך ניט אין באבסקע ענינים, וועסט

נאך ווערן א יידענע. ער האט א באבסקע קאפ.

1912 " [...] פונעם יצר-טוב, וואס שרייבט אים פאר זיינע

מיטל וואטערדיקע, אן טעם, אן ריח, פון באבסקע אלט- 265

פעטערישע מוסר=קוואלן". ממוס, שלמה ר' חיימס II;

ז' 64.

2. פאר ווייבער, באשטימט פאר פרויען.

1890 " דיזער [דאס דער] דאקטאר איז נישט קיין געלערנטער,

זאנדער | נאר | איין באבסקע דאקטאר". | מחבר? 247

אייך גאנץ נייע מעשה פון צווישווערסטער, לעמבערג.

1966 " באבסקע שניידער, געניים נאר פאר אלטע ווייבער".

יישפ, XXVI - 2, ז' 62. 288

17 **באבסקע מיטל(ען),** -- היימישע היילמיטלען, נישט
פארגעשריבן פון א דאקטאר, נאר אזעלכע וואס זיינען
געווען אלגעמיין אנגענומען אין פאלק ( ווי קרייטעכער,
זאלבן אא ) אדער אזעלכע וואס זנאכערס, בעלי-שם
האבן געגעבן צו היילן פארשיידענע קראנקייטן.

1873 " מען זאל הייסן בעסער טאן אלטע באבסקע-מיטל,
256/א פארן צו א שפרעכער, צו א ציגיינער, צו א זנאכער".
ממוס, די קליאטשע, קאנק 37877.

1905 " די אלע [...] באבסקע מיטלען |...| פארלייכטערן
257. נאר אויף א ווײַלע |...|". ס. פאלק, דער מעננער
רעטטער, נ"י, ז' 102.

1936 " שלעכטע דאקטוירים און זנאכארעס ווילן זי מיט
260 באבסקע מיטלען היילן". ייז, ברידער אשכנזי, ווארשע,
ז' 575 (515?).

**באבסקע סגולות** -- איבערגלויבערישע מיטלען צו היילן
א קראנקן, ווי אפשפרעכרייאע.

1930 " מען האט דערצו באנוצט פארשיידענע באבסקע סגולות
266 און שפרעכערייי ( ווייל די קרענק האט מען געמיינט
קומט פון דער סטרא אחרא...) און דאס קינד האט זיך
שטילינקערהייט אפגעטראגן...". י. רוחומובסקי,
זכרונות פון מיין לעבן, פאריז.

1945 " אזוי שטופט ער ביסלעכווייז ארויס די באבסקע סגולות,
262 די אפשפרעכענישן". זש, קיסר און רבי !!, ז' 114.

**באבסקע רפואות** -- דזוו באבסקע מיטלען.

1870 " [זיי] האבן פארשפראכן פארצולייגן א מיטל די מכה
273 צו היילן, עס איז אפילו גאר א באבסקע רפואה און

פילע ווייסן פון איר". קמ, נ׳ 20, I - 145.

1905 " דיינע צערעמאניעס, וואס דו מאכסט מיט גרויס
התלהבות אלס א מיטל צו דעם [ צו אויסגויפן די זינד ]
איז דאס בלויז זאבאבאנעס און באבסקע רפואות". 267
י. מ. אלפעראוויץ, דיא וועלט מלחמה |...|, ווילנא,
ז׳ 27.

1974 " ווער ווייסט וואס פארא שאדן עס האבן אנגעמאכט די
באבסקע רפואות, וואס די פויערטע האט געבראכט". 281.
י. עלבערג, אויפן שפיץ פון א מאסט, מאנטרעאל, ז׳ 196.

האלטן ווי פון באבסקע רפואות / סגולות - ניט גלייבן
אין עפעס, באציען זיך צו דעם מיט ביטול.

ס׳וועט העלפן ווי א באבסקע רפואה -- ס׳וועט ניט העלפן.

באבסקע מעשיות -- באבע=מעשיות, פוסטע מעשיות, זאכן
וואס זיינען ניט=געשטויגן, ניט=געפלויגן, נארישקייטן,
סתם=פלוידעריי.

1867 " איטלעכע נאציע האט זיך |...| אירע אלט=פעטערישע
מנהגים, אירע באבסקע מעשיות". [ י. לינעצקי? ], 253.
קמ, נ׳ 20, III - 155.

" עס!... אלע ווייבער זיינען אויף איין שניט! [...] 1600*
ס׳איז באבסקע מעשיות". שע, ארעמע און פריילעכע I, 256.
דער פארכישופטער שניידער, קמ 158, אויך אלע ווערק, ווילנע 1914, ק׳ VI-III, ז׳ 58

1958 " פע... ווי שעמט איר זיך נישט צו פארנעמען מיט
באבסקע מעשיות, וואס ווייבערישע צונגער קאנען אנמאטלען". 258.
פאריזער צייטשריפט, נ׳ 20, ז׳ 116

באבסקע צרות -- 1. ווייבערישע פראבלעמען?
2. ניט קיין גרויסע צרות? [ ב. ראבאך, יישפ XIII 1-
1953, ז׳ 26 ].

באבסקע לאטא / ליטא - ---> באביע ליעטא.

ו׳ באבסקע, צרות.

רעד: ס׳איז פון א רשימה ווערטער, אן אויסטייטש. די באטייטן
דא זיינען מיינע.

באַבע! -- די, =ס. 1. מוטער פון טאַטן אָדער מאַמען (--> באָבע, ב1).

2. אַלטע פרוי, זקנה.

1873 " עס ווערן אָפגעמאַכט עפעס אַ גוזמא חתונות, אַלטע באַבעס פליעסקען, מחותנים טאַנצן, דער עולם איז לוסטיק". ממוס, די קליאַטשע, קאַנק: 177740. 314/א

1886 " ניט דערלעבן זאָלן די מאַנען, אַז מיר זאָלן מיט זיי פּאָרן און דאַרטן גיין ווי די אַלטע באַבעס". ש. בעקערמאַן, די יודישע קאַזאַקין, אָדעסאַ, ז' 14. 314

1929 " אַן אַלטע באַבע קניט [...] פאַרן געוואַלדיקן הויפּט-אַלטאַר". מ. ווינער, אַלע פּאַלעקס אונטערגאַנג, קאַרקאָוו, ז' 87. 301

3. וועגן אַ פרוי בכלל, ספּעציעל וועגן גויעס. % די פּויערים האָבן געבראַכט אויפן יאַריד תבואה און די באַבעס זייערע - גענדז, הינער.

193... " ווען זיין 'באַבע' האָט געלעבט, און ער פלעגט איר איבערלויפן די ביינער מיט אַ שטריק [...]". ייז, מאַגדאַ, ,, ז' 99. 322

1960 " זאַגאַיעק האָט |...| די באַבעס ווייס מעל אויף צו באַקן דעם אַפּלאַטעק". באַש, פאָר, 19/XI. 315

1973 " די גויים האָבן קיין באַבע |הייבאַם| נישט געדאַרפט. יעדע באַבע האָט ביי זיי געקאָנט ווערן, ווען מ'האָט באַדאַרפט, אַ באָבע.". נ. בלומענטאַל, צוריקבליקן, ת"א, ז' 148. 304

4. זנאַכערקע, שפּרעכערקע, היילערקע מיט באַבסקע רפואות.

1931 " עס פאַרנעמען זיך מיט אָפּטרייבעריי אין די שווידערלעכסטע באַדינגונגען גאַנצע לעגיאָנען פון 'באַבעס'". פּגעז, נ' 23, ווילנע. 328

1971 " ס'זענען פאַראַן אַזוינע באַבעס, וואָס מאַכן אַן אָפּעראַציע, נאָר אַז ס'געראָט נישט, גייט מען אַ גאַנג". באַש, פאָר 26/VI. 413

5. ( פיג, איר) אַ עמעצער מיט אַ ווייכער ווייבערישער נאַטור, אויך וועגן אַ פּחדן. % קוקט אים אָן די באַבע, אַ ליאַדע וואָס צעוויינט ער זיך. מיט אַ זעלכע באַבעס, ווי ער ווועסטו קיין מלחמה ניט האַלטן - זיי וועלן זיך צעלויפן ביים ערשטן שאָס.

6. (קל) פיגור פון שניי. % חברה קונדייסים וואַרפן זיך מיט שנייקוילן, מאַכן באַבעס.

7. (קל) פיגור פון זאַמד, ליים. % ביים ברעג פון טייכל שפילן זיך קינדער, די קלייניקע מאַכן באַבעס פון נאַסן זאַמד, די עלטערע פּליושקען זיך אין וואַסער.

8. פּרימיטיווע שטיינערנע פיגורן, וואָס מע געפינט אין די סטעפּעס פון רוסלאַנד און אוקראַינע.

1934 " ביים אַריינגאַנג אין דערבייַיקן וועלדל שטייען צוויי שטיינערנע באַבעס, וואָס שטאַמען נאָך פון די געצנדינערישע צייטן". ד. מין, אַקערשט פון מאַסקווע, ווילנע, ז' 57. 505

9. יידישער נאָמען פון א פרוי (ס'רוב געניצט אין דער צערטל-פאָרמע 'באַבטשע/באַבציע'), געגעבן אין דער איינגלייבע-ניש, אַז דאָס איז א סגולה צו אַן עין=הרע אָדער צו לאַנג לעבן - זי וועט דערלעבן צו זיין א באַבע, האָבן אייניקלעך (אַנאַלאָגיש צו זיידל, אַלטער).

1889 " ויש לעיין בשם אלטר או זקן ובנשים שם באבא שאינו שם כלל אלא מי שאינו מגדל בנים ובכדי שלא ידיע שמו ולא תשליט בו עין הרע קורין לו כן". הרב שלמה במהר"י סקאלא, שו"ת בית שלמה, לעמבערג, דף קסו - ו. 419

10. געבעקס, קוכן.

1918 " מע באַקט אויך פאַרשידענע 'קוכן' וואָס מע פאַרקנעט זיי מיט בוימל און פּוטער; מע באַשמירט מיטן ווייסל פון אַן איי און מע קלעפּט אַרויף מאַקאַלאַדקעס און צוקערלעך און מע רופט זיי (ווי אין סלאַוויש) 'באַבעס' (זקנות)". אַלזעט, מנהגי ישראל, רשומות, אָדעס, תרע"ה, ז' 343. 563

1934 " און ער פלעגט דאָך קומען צו דער שיינער באַבטשע, / דעמאָלט ווען ער איז געווען א סטודענט |...| מלה, לידער I, נ"י, ז' 39. 139

|| צערטל=פאָרמעס פון באַבע 1. ב 1.

באַבוניע.

1888 " ווי מיין [...] באַבוניע, עליה השלום, האָט מיר דערציילט אַן אמתע מעשה". ייפאַל, נ' 11 - 12, ביילאַגע, ז' 343. 127

1901 " מיין באָוניע האָט מיר פאַרט געזאָגט [...]". ב. אלפס,

126 מעשה אלפס II, ווילנא, ז' 82.

באַבטשע/ באַבציע, באַבעניו,

1910 " די באַבעניו זיצט מיטן זאָק אין דער האַנט". פּרוג, II,

נ"י, ז' 113.

464

באַבעשי. % די באַבעשי זיצט ביים פענצטער און לייענט

צאינה וראינה.

פקפ צו ב 2:

באַבעטשינע

1936 " די אַלטע באַבעטשינע זי האָט געטרייסלט מיטן קאָפּ"

418 זשב [...], לידער, וואַרשע, ז' 25.

[פ׳: לשירלינסקי?]

באַבקע (לע)

1949 " אַז אַלס זמאַרטשעט | איינגעקנייטשט | באַבקעלע

511 האָט אָפּגעשטעלט איר גאַנג [...]". ר. ה. קאַרן, באַשערטקייט,

מאָנטרעאַל, ז' 40.

0 באַבעבאַר — מיין האַרטע באַר | יישפּ XII - 2, 1956, ז' 61.

באַבע=דזשאַדע -- | סטוטש 258 | ." א מאכל: קליסקעלעך

432 מיט הירזש, געקאָכט אין מילך אָדער אין סאַרויטקע" | קסוו |.

קוצי=באַבע -- קינדערשפּיל אין באַהעלטעניש.

די באַבע טשוואַקליע -- שרעקוואָרט פאַר קינדער.

" עס וועט קומען די באַבע טשוואַקליע מיט די גרינע

333 נעגל און וועט דיך פאַרשלעפּן" | קסוו |.

א גדולה - די באַבע האָט חתונה געהאַט בשמחה ראַבע

| רבה | — (שפּאַסיק) אויף אַן אַמבאַרעכטיקטער פריילעכקייט.

[גוזמאדיקע אדגע]

[רעווערשפּיל: ... ראַבעלע; שימחה ... שימחה]

ב אַ ב ע II -- די, =ס. מכשיר אויף צו טראַמבעווען

( איינצוקלאַפּן ) די ערד, די שטיינער ביי וועגאַרבעטן

אָדער אַריינצוקלאַפּן סלופּעס ( פּאַליעס ) ביי בויונג.

< P: baba, UK: баба.

1864 " דאָ האָט דער נעגער [...] אַראָפּגעלאָזן צוויי

506 קולאַקעס, ווי צוויי שווערע באַבעס, אויף דעם מוח

פון דיזן [=דאָפיקן] מוראַס". אמד, איינע רויבער-

געשיכטע, ווילנא.

1910 " עס האָט | האָבן | זיך געהערט די קלעפּ פון די העק

305 אַן די שטיינער, טרויעריק האָבן געסקריפּעט די רעדלעך
פֿון די טאַטשקעס, די טשוהונענע 'באַבע' איז שווער געפֿאַלן
אויף די פּאַליעס". [איבז? שאַן], מ. גאָרקי, קאָנאָוואַלאָוו,
לאָנדאָן, ז' 56.

באַבע III - די, =ס. (לאָקל? וועגגראָוו, פּוילן)
" קלעפּיקע גרודע וואָס פֿאַרמירט זיך אין דער נאָז" [קטוו].

באַבע -- די, =ס. |אין דרום=דיאַלעקט באַבע| 1. מוטער
פֿון טאַטן אָדער מאַמען.
|פּל| " אַ גוטן פּורים אויף אַלע פֿיר זייטן,// דער זיידע
404 איז געקומען מיט דער באַבען צו רייטן;// האָט זיך די
באַבע דערשראָקן//און האָט זיך אָנגעכאַפּט אַן אַ פּלאָקן".
" [...] די אַלטע נאַרישע מעשׂות, וועלכע די ניאַנקעס
344 און אַלטע באַבעס חזרן זי אים איבער הונדערט מאָל
אַ טאָג". ממוס, מסעות בנימין השלישי, ז' 67.
1898 " |...| גוט האָט מיר געשמעקט דער באַבעס אײרע איינג-
291 פּאַכיקע שפּייזן". אַר, מיין דאָריקער אהיים. ציט אויסג,
אַלע ווערק נ"י, ב' XI, ז' 181.
1960 " באַלד וועט מיין באַבע ברענגען אַקאַכעדיקן טשייניק
299 וואַסער". ש. סימאַן, צווייגן, ב"א, ז' 13.
1972 " אַ באַבע דאַרף זיצן אויף אַ פּריזבע,/ נחת קלייבן
204 פֿון דעם פּיצלוואַרג"מ. ח. טוזמאַן, גק, נ'76, ז'117.
2. פֿרוי וואָס העלפֿט אַ געווינערין ביים געבערן
| אין דרום-דיאַלעקט: 'בובע'|; הייבאַם.
1833 " דאַס זעניך דיא זאַכין וואַס גיהעריך צו דיא הייבינש
185 דאַס איז באַביש [...]". הרב אליהו הכהן מאזמיר,
שבט מוסר, סדילקאָב, ~~תקצ"ג, פּרק כ"ד~~,
1927 טעמע גייט דאָך צו קינד! [...] געשיקט זוכן אַ באַבע
361 צווישן די פּויערטעס אין די דערפֿער". ייז, שטאָל און
אייזן, ווילנע, ז' 313.
1973 " די 'בובע' האָט דאָך שוין אַלץ אָפּגעטאָן" [פֿוסנאָטע פֿון
352 מחבר: באַבע - הייבין]. ל. אליצקי, וואָלינער יידן,
ת"א, ז' 280.
|| באַביש -- אַדי/ אַדוו. 1. פֿון אַ באַבע, ווי אַ באַבע.
% באַבישע רייד. זי איז נאָך געווען יונג, אָבער שוין
געהאַט אַלע באַבישע גענגעלעך.

1933 " [...] האט די מיסעס ווינאַקור [...] באַביש

186 גוטמוטיק זיך צעשמייכלט צום קינד" ש. מיללער, די שמאלץ גרוב, ווילנע, ז' 365.

באַ'בעדיק -- אדי'/...

1970 " איך זע זיי אזוי ווארטן אויפן טויט – // איך באַבעדיקע

415 קאַפּטיקלעך". צייט, אלע לידער און פּאָעמעס, II, נ"י, ז' 461.

1972 " די אלטע פרוי [...] האט אנגעקוקט רחלען מיט א פּאָר

417 מידע אויגן און מיטן באַבעדיקן שמייכל אויף די ליפּן".

ח. ראזענפארב, דער בוים פון לעבן II, ת"א, ז' 262.

באַ'בעשאַפט -- די/דאס. אייגנשאַפט פון אַ באַבע, ב 1.

1956 " און יעדער ווארט איז באזאַפּט // מיט באַבעשאַפט".

416 יג, פון מיין גאנצער מי, נ"י, ז' 232.

צערטל=פארמעס פון באַבע ב 1: באַבעלע. % איך האב שטארק ליב מיין באַבעלע, זי ברענגט מיר מתּנות, דערציילט מיר שיינע מעשהלעך.

באַבעניו -- די, =ס.

1895 " אוי, באַ'בעניו, הייב אָן א מעשה א נייע, // וועו דו 465

נעמסט דערציילן, איז דאך א מחיה". א. מ. שארקאנסקי,

אידישע ניגונים, נ"י, ז' 29.

באַ'בעשי -- די, =ס.

| פל | " ניש' געשלאפן, ניש' געוואכט,// גרויסע צרות טאג

468 און נאכט; // ווייך זשע ניש' מיין רחלשי, // וועסט

נאך זיין א באַבעשי".

1920 " און אז מען האט די באַבעשי אראפגעהויבן |...|"

469 מק. רייסן, ווילנע, ז' 49.

1911 ..." צוויי באַבעשים האבן אַ מאָל שטאַרק ניט געקענט

רוען פון דעם, וואָס זייער איינינקל [...] וואַקסט

אונטער, און ס'איז זי ניט מעגלעך צו פאַרהיטן פון

מאַנצבילשע אויגן". ווייס, די באַבעשים אפהיטן, גוט I, 467

ווארשע, ז' 13

558 באַ'בעניק -- דער, =עס. דער מאַן פון אַ הייבאַם" | קשוו |.

באַבערייַ -- דאס באַ. די באשעפטיקונג, פּראפעסיע פון א

באַבע ( הייבאם).

1895 " און די מאמע [...] האט מפרנס געווען די שטוב [...]

פון קנייטלעך לייגן [...] מצות קאַטשען [...] פון באַבעריי,

593 סאַרוועריי און פון טיקעריי, און דאס איבעריקע פון

קרעמל". ייל, דאס פוילישע יונגל, אדעסא, ז' 83.

באַ'בעצע -- ---> זבז.

O באַבע=מעשה -- ~~בבה~~ ----> זבז.

שטאָט=באָבע - די הייבאם, וואס דאס אפגעמען קינדער ביי

די קימפעטארינס פון שטאט/שטעטל איז געווען איר

פרנפעסיע, צום אונטערשייד פון אנדערע פרויען וואס

האבן אויך געקענט די מלאכה, אבער ס'איז נישט געווען

זייער פרנסה.

1868 " די דיינים קנעלן [...] צו, אייך שוהטקע איז די

שטאָטבאָבע, די אנדערע איז די טיקערין". קמ, נ' 43,I - 317. 362

... " עס האט זיך געטראפן, מען האט אים גערופן צון א גולדת

[...], אז די שטאטבאבע איז גראד ארויסגעפאָרן אין א 389

דארף אריין". פרץ, בשעת מגפה.....

עלטער=באָבע -- ~~היק~~ [illegible] די מוטער פון דער באָבע, ב1.

1888 " און יענעמס עלטער=באָבע האט גענאסן פון א גוטער

דערציִונג" [...] ממוס, די קלאטשע, קאַנק: 440970.

~~==(=טשערנאוויץ=לאקל,=)=====באבנע=באבע=דער=פון~~= L7

~~=א"=שבתי=וואס=פאלט=אויס=מיט=א=מאל=אויף=אנהייב=פרבלבנ.~~

L7 ~~פון דער באבע יאכנעס~~ פון דער באבע יאכנעס צייטן —

[illegible] אלט, אלטפרענקיש, אפגעלעבט.

1912 " די מחנה איז געפארן אויף גוועגעלעך פון דער באבע

יאכנעס צייטן". רעד ג. באדער, יודישער פאלקסקאלענאר, 437.

תרע"ב, לעמבערג, ז' 64.

2. מיאוס, אפשרעקנדיק.

1938 " [...] מיט זייער א מיאוס פנים פון א באבע יאכנע".

436 זש, נח פאנדרע, ווארשע, ז' 143.

באבע יעדאכע -- ( לאקל, טשערנאוויץ ) א שנייי וואס פאלט

438 אויס מיט א מאל אין אנהייב פרילינג. די באבע יעדאכע

האט זיך צעטאנצט". [קטוו]. פראד ווייינגער.

באבע נידזילעס -- (רעג, מאלדאוויע ) " ענדע ווינטער,

507 ווען עס פלעגט זיך באווייזן דער לעצטער שניי, האט

מען דאס גערופן דער באבע נידזילעס טאנץ" (מאלדאוואניש

|קטוו|.

די באבע ליבע -- ליבע, פארליבעניש [ ווארטשפיל: ליבע=

נאמען, ליבע= ליבשאפט צווישן מאן און פרוי). שולדיק

איז אין דעם [ד"ה אין דעם פארליבעניש] די באבע ליבע [...].

א קהלשע באבע -- סטוטס 617 וועגן א מענטשן, וואס פאר

יעדערן ארט אים, נעמט זיך אן פאר יעדערן. 358

שליעפע באבע -- נאמען פון א קינדערשפיל: מע

פארבינדט איינעם די אויגן מיט א טיכל און ער דארף

כאפן די קינדער, וואס דרייען זיך ארום אים. 334

~~גלאט ווי ביי א באבע/ פלאך ווי פלאטשיק ווי ביי א באבען.~~

גלאט / פלאטשיק ווי ביי א באבען -- ( וווּלג )

פלאך [ ווי ביי אן אלטער פרוי די ברוסט].

דער באבע יענטעס ( ציפקעס/פרוכניעס ) ניסים -- (איר)

געזאגט, ווען עמעצער דערציילט עפעס ווי א חידוש,

אן אויסערגעוויינלעכע זאך/ געשעעניש,

דער באבעס טעם -- ( איר/ ) וועגן עפעס וואס האט גאר קיין

טעם נישט.

דער באבעס שטענדעלע -- [ סטוטס 522 ]. אלטפרענקיש קלייד.

ס'איז ניט דיין באבעס דאגה ( עסק )! צו עמעצן וואס מישט

זיך אין יענעמס ענינים, ~~ער זאל זיך ניט זארגן~~

~~פאר עפעס~~, וואס דארף אים ניט אנגיין.

" ניט אייער באבעס דאגה! צו אייער ארבעט גייט!". [...] 428

שע, דראמאטישע שריפטן, מענטשן

1928 " פימפערנאטער! ווער פרעגט דיך? ס'איז דיין באבעס

דאגה?". אפא I, ווילנע, ז' 41. 429

(ס'איז) מיין באבעס דאגה -- וואס גייט עס מיך אן ,

ס'ארט מיך נישט.

1907 " איז ער ניט אזא גרויסער למדן, א דאגה דער באבען,

אבי זיין נשטור איז אן איידעלע". י. גארדין, דיא 295

געברידער לוריא, ווארשא, ז' 12.

~~1926 " מייז באבעס דאגה, ווער א משוגענער פאלאץ איז!".~~

~~ב. סטרעגע, דער נעכטיקער טאג, אוזשהאראד, ז' 39.~~ 370

1927 " איך מיט אייך זאלן אזוי וויסן פון בייזע פאקן,

ווי איך ווייס, ווי אזוי קאן ציפע אין דארעטע מגולגל 402

ווערן, נאך אונדזער באבעס דאגה." י. בודזאהן, מאטקע פליק

[...], ווילנא, ז' 7.

ער האט ( ניט ) דערלייגט /צוגעלייגט דער באבעס ירושה --

( איר ) וועגן איינעם וואס האט ביי א געוויסן עסק

באשעפטיקונג ניט פארלוירן גארניט פון זיינס, אדער,

להיפוך, דווקא פארדינט דער ביי.

1894 "וואס האסטו צו מיר צוגעלייגט - די דער באבעס

ירושה? איך בין גליקלעך געווארן פון דיר, א שפאס 445

אין וואס פאר א ווילטאג איך לעב פאר דיר!..."

בר כוכבא, דער פוטער, ווילנא, ז׳ 18.

1962 "קיינער פון די, וואס האבן זיך געפארעט ארום דער

שול, האבן ניט צוגעלייגט דער באבעס ירושה צו דעם עסק". 442

ש. וויגאדא, פאר, XII/9.

דער באבע צוואקלעס אן איי ניקל -- (איר) וועגן א

זייער ווייטן קרוב, אדער גאר קיין קרוב ניש.

א קוואקלע ווי די באבע צוואקלע; באבע צוואקלע זיי ניט

קיין קוואקלע, דו לייגסט ניט קיין אייער - וועגן/

צו איינעם וואס האט ליב צו באקלאגן זיך א סך [א הון

וועך זי לייגט אייער קוואקעט זי, איז א קוואקלע].

א גדולה אויף דער באבען -- (איר) צו עמעצן וואס פרייט זיך

מיט עפעס, און עס רופט ניט ארויס קיין פרייד ביים צוהערער;

ניטא פון וואס צו לאכן, קוועלן, פרייען זיך.

עס סטײעט | ווארך: קלעקט, איז גענוג | די באבע חתונה צו

מאכן. (שפאסיק) וועגן עשירות, גרויס רייכקייט.

די באבע האט (שוין) חתונה געהאט - (איר) וועגן

א שמחה, פריילעכקייט וואס איז גוזמאדיק אדער ניט אויפן

ארט.

שמײעט ניט, די באבע האט שוין חתונה געהאט - (איר)

יאג זיך ניט, מאך ניט קיין טארעראם, ס׳איז שוין סיי

ווי ניטא מער וואס אויפצוטאן, ס׳איז שוין א פארשפעטיקטע

זאך.

א תירוץ פאר דער באבען, -- ס׳איז ניט קיין תירוץ/

פארענטפערונג, ס׳איז א ליגן.

דערצייל עס דער באבען -- ס׳איז ניט אמת, כ׳גלייב עס

ניט, ס׳איז באבע=מעשיות.

ס׳איז א ראיה, ווי די באבע הייסט חיה; ס׳איז א ראיה פון

דער באבע נײען.

א סימן, די באבע איז מיט א נאז (איר) דער באוויז

איז קיין באוויז ניט, דער ארגומענט האט קיין ווערט ניט.

איך לאך פון זיין באבען! איך פייף אויף זיין באבען! –

איך האב פאר אים קיין מורא ניט, איך רעכן זיך ניט מיט אים.

האלטן ווי פון דער אלטער באבען -- ניט האבן קיין גוטע מיינונג וועגן עמעצן.

לערנען די באבע זינגען -- טאן עפעס וואס האט קיין זינען, קיין פעולה ניט, איז אומנייטיק, אומפראקטיש.

(ער) זען די באבע | וואר: עלטער=באבע | פון יענער וועלט - האבן א שטארקע, שארפע שפירונג אדער ווייטיק, למשל,ביים קריגן א קלאפ, ביים עסן א צו שארפן מאכל.

וואס הערט זיך? די באבע יערט זיך - שפאסיקער ענטפער ביי א באגעגעניש | יערן זיך - עלטערן זיך |.

האסט עס אין דיין באבעס קימפעט ניט געזען -- | וואר: ניט פארזוכט |—( שפאסיק ) וועגן זייער א געשמאקן מאכל,=

האסט עס אויף ביי דיין באבעס לעבן ניט געזען/ניט געהערט - וועגן אן אויסטערלישער, וואונדערלעכער זאך.

ווען די באבע וועט צוריק ווערן א מויד - וועגן א זאך וואס קאן שוין אנדערש קיין מאל ניט זיין, ס'איז שוין פארפאלן.

ווען די באבע איז נאך געווען א מויד, ווען די באבע איז געלעגן געווארן מיט ערשטן קינד -- ס'איז שוין אן אלטע מעשה, א געשעעניש פון גאר אמאל.

ווען די באבע וואלט געהאט א בארד וואלט זי געווען א זיידע

| וואר: וואלט זי געדאווגט פארן עמוד;

ווען די באבע וואלט געהאט רעדער, וואלט זי געווען א וואגן, אן אמניבוס — געזאגט שפאסיק, ווען עמעצער זאגט עפעס בלשון: "ווען ס'וואלט - וואלט..." אבער די זאך איז ניט ווירקלעך אדער ניט אקטועל.

פויל:

די באבע קריינקציע - אט לאכט זי/דאָס וויינט זי -- וועגן אן
איבערקלייבערישן, קאפריזנע מענטשן, אדער וועגן א מענטשן
וואס האט ניט קיין שטענדיקע דעה.

מיין זיידע און זיין זיידע ליגן אין דער ערד ביידע;
מיין זיידנס האן האט אין זיין באבעס הויף אריינגעקרייעט -
( איר ) וועגן ווייטער קרובהשאפט, אדער גאר קיין
קרובהשאפט.

פייף ניט די באבן, ווערסט גארניט האבן -- זיי ניט זיכער
אז דו וועסט קאנען אפנארן, שווינדלען, סוף כל סוף
מוז מען אריינפאלן.

די באבע האט זיך געמיט אין די שקארפעטקעס -- באטייט ~~ניט~~ קלאר
ער לייגט/פאקט אריין אין דעם די באבע מיטן זיידן --
וועגן עמעצן וואס מאכט א גוזמאדיקע אנשטרענגונג ביי א
געוויסן ענין.

באבע און זיידע -- קוש אין תחת אלע ביידע -- ( ווולג)
איך האב פאר אייך ניט מורא, עס ארט מיך ניט וואס איר
וועט זאגן/טאן.

צום באטייט באבע=הייבאם:

ס'וועט ניט העלפן קיין באבע און קיין דאקטאר --
א בחור א שדכן און א מויד א באבע קאנען נישט זיין.
פארכאפט זאל ווערן די באבע, וואס האט אים אפגענומען!(קללה).
אים דארף מען שיקן נאך דער באבען -- ( איר ) וועגן איינעם
וואס איז אומרירעוודיק, טוט אלץ פאוואליע און פארשפעטיקט.
| געמיינט, אז אויב מע וועט אזוי שיקן נאך דער באבען
( הייבאם ) וועט ער זי ברענגען שוין לאחר המעשה,
ווען די קימפעטארן וועט שוין געבערן |.

שוו: אז די באבע פוצט זיך אויס, זעט זי אויך ~~ניט~~ יונג אויס.
-- דער דרויסנדיקער אויסזען פון עמעצן/עפעס נארט אפ,
איז ניט מאסגיביק.

א באבע אין שטוב איז אן אוצר אין שטוב.

א שיינע יידל - א שיינע באבע.

איינער האט ליב די באבע, דער צווייטער - דעם זיידן

(שוו.): אז דאס ווייבל דארף שוין צו האבן, שיקט מען ערשט
נאך דער באב(ע)ן -- מע קוקט זיך אום, ווען די
סכנה איז שוין גרויס, ווען ס'איז שוין צו שפעט.

(שבר): אז דאס ווייבל דארף שוין צו האבן, שיקט מען ערשט

נאך דער באב(ע)ן (שיל) מע קוקט זיך אום, ווען די

סכנה איז שוין גרויס, ווען ס׳איז שוין צו שפעט.

א בחור א שדכן און א מויד א באבע קאנען נישט זיין.

פארכאפט זאל ווערן די באבע, וואס האט אים אפגענומען! (קללה).

אים דארף מען שיקן נאך דער באבען -- ( איר ) וועגן איינעם

וואס איז אומרירעוודיק, טוט אלץ פאוואליע און פארשפעטיקט,

| געמיינט, אז אויב מע וועט אזא שיקן נאך דער באבען

( הייבאם ), וועט ער זי ברענגען שוין לאחר המעשה,

ווען די קימפעטארן וועט שוין געבערן |.

באבעטשקע -- ←---- באבעלע.

באבע=יאגע --- די, =ס, פֿפֿ באבא=יאגא/יאהע. שלעכטע, בייזע כישוף=מאכערין, מכשפה, פערסאנאזש פון סלאווישע פאלקס=מעשיות און אייבערגלויבנס. % מע שרעקט די קינדער, אז די באבע=יאגע וועט קומען און זיי פארנעמען אין זאק אריין.

1873 " מעשיות פון א מכשף קאשציי, און עפעס פון א באבע יאגע, וואס האבן געקערט די וועלט". ממוס, די קליאטשע, קאנק 104420.

1960 " זי האט דערציילט, אז ערגעץ דארט וווינט די באבא=יאגא, [...] וואס פליט ארום אין א ריזיקן מערזשער, טרייבט אים אונטער מיט א שטויסל, און מיט א בעזעם, וואס איז גרעסער פון דעם העכסטן טענענבוים, קערט זי אויס דאס ליכט פון דער וועלט". באש, פאר, X/14. 44

באבעטשען -- אטוו. (לאקל, גראדנע?) פלאפלען, פלוידערן, רעדן נארישקייטן.

1948 " ווען עמעצער האט גערעדט און עס איז נישט געווען וואס צו הערן, האט מען געזאגט אז ער באבעטשעט". 518
ה. שעסקין, זשע גאפ, נ'10, ב"א, ז' 71.

באבעק -- דער, =עס. (לאקל, סאניק, גאליציע) א מענטש וואס טויג צו גארנישט, א שלימזל [ב. ראבאן, יישפ. XV-3, 1955, ז'94].

באבעלע -- דאס, =ק, פֿפֿ: באבעטשקע/באבאטשקע

1. פטם נאמען פאר פלאטערל, אינסעקט פון דער ריי שופנפליגלדיקע (Lepidopterae) האט א פולע מעטאמארפאזע

~~=מעננבחן=דער=קערפער=הענבחלף=האא=2=פאר=טחעגעחעל~~

= ציפל, דער קערפער לענגלעך, האט 2 פאר פליגעלעך באדעקטע צ מיט כיטין=שופעלעך פון פארשיידענע קאלירן, נערט זיך מיט בלומען-נעקטאר. % איך פעלד פליען ארום באבעלעך פון אלערליי קאלירן. דאס באבעלע דרייט זיך ארום ליכטפלאם.

1873 " [...] האט געשוועבט ארויף און אראפ ווי א באבעטשקע". ממוס, קליאטשע, קאנק 363170.

1920 " ווי אלע אנדערע באַבעלעך, באַנוצט ער ביים פּליִען
נאָר די הינטערשטע פליגל" איבז. א. איסעל, א. שמייל,
זאאלאגיע, ווילנע, ז׳ 128.

1945 " ניט ווי א באַבעלע איך אַיִל צו דער פלאם,// ווען
גאר די וועלט אין קעלט איז איינגעשמידט". האל, ערדישע 532
וועגן, מאסקווע, ז׳ 124.

2. (לאַקל, ליטע)"זשוק" |קטוו|.

3. ( לאַקל, פּאַליאַשע, ליטע) " אלגעמיינער נאמען פאר אלע
אומבאקאנטע אינסעקטן" [מ. מארק, יישפ X-1,1950, ז׳19].

|| באַב(ע)לקע - די, =ס. פּקפּ.

0 נאכט=באַבעלע. -- נאכט=פלאטערל.

1971 " ארום גלעזל פון לאמפ שלאגן זיך מיט אימפעט עטלעכע
נאכט=באַבעלעך, וואס זענען זיך אנגעפלויגן אהער פון די 530
צעעפנטע פענצטער". אי. קיפּניס, מיין שטעטעלע סלאַוועשנע,
I, ת"א, ז׳ 100.

באַבעלע -- דאס, =ך. א געבעקס, א מאל פון מעל (פסח
פון מצה=מעל) , א מאל פון קארטאפל, מיט צוגאבן פון
אייער, פּעטס א"א. % " א באַבעלע ווערט געמאכט אויפן
זעלבן אופן ווי כרעמזלעך, נאר איז עטלעכע מאל גרעסער. 541
מען באשיט עס מיט צוקער און מען עסט דאס מיט א ביסל
ווייַן אדער טײ. באַבעלעך עסט מען פסח" | קטוו |.

1932 " יידן חסידים טרינקען בראנפן, מע ווינטשט זיך
לחיים און מען פארבייסט מיט הייסע באַבעלעך מיט קאשע 545
געפילט". יין, יאשע קאלב, ווארשע, ציט אנט, ז׳ 318.

1954 " אקעגן שול איז געווען דער קליינער מארק מיט
יאַטקעס, שטולן מיט געבעקס, קיכעלעך, הייסע בו - 37
בובעלעך און הייסע באַבעס". ר. שרויט, יזב כעלם,
יאהאנעסבורג, ז׳ 492.

1960 " אירע אייגענע קינדער האט זי געהאָדעוועט אויף
באַבעלעך געבאקן פון קארטאפל." פ. שטיינוואקס, 529
טאג, 29/V.

1962 " ער האט אפגעשאצט, ווען פייגעלע האט געבאקן א
שמאלצקוכן, א באַבעלע, אדער ווען זי האט אפגעקאכט אן 544
אנגעברענטע גריץ |...|". י. ווארשאווסקי, פאר, III/24.

2. (לאַקל, וועגגראוו, פוילן) " א מין פּיינקוכן,
געמאכט פון קאשעמעל, געמישט מיט בוימל, געבאקן
אין מעטאלענע פאַרעמקעס" |קטוו|.

שמאלצקוכן, א באבעלע, אדער ווען זי האט אפגעקאכט אן

אנגעברענטע גריץ |...|". י. ווארשאווסקי, פּאר, III/24.

2. (לאקל, ווענגראוו, פוילן) " א מין פּײַנקוכן,

געמאכט פון קאשעמעל, געמישט מיט בוימל, געבאקן

אין מעטאלענע פּאַרעמקעס" |קטור|.

באַבעמיל -- די, |=ן?|. (רעג, אוקראינע) "קליינע

קוגעלער" [ל. פיינבערג, יישפ, IV - 3, 6, ז' 125]

באָבע=מעשה -- |=מײַסע/מאַנסע| - די, מצ מעשׂיות/ מעשׂות [=מײַסעס/מאַנסעס], פּפּ בבא=מעשה [באָווע=מײַסעס].

1. דערציילונג מיט א פאנטאסטישן אינהאלט. % די קינדער האבן ליב געהאט צו הערן די שיינע באבע=מעשיות וועגן די אוואנטורעס פון גיבורים, גזלנים, וווּנדער. גיי שויך גיי - ס'איז א באבע=מעשה, היינטיקע ציטן זיינען ניטא קיין ניסים!.

1874 " נאך מער איז צו באוווּנדערן אונדזערע פרויען, דאס זיי פארשטייען גארניט וואס צו לעזן. זיי האבן א געשמאק 448
נאר פאר א באבע=מעשה, פאר א צענורע און ווענטורע, פאר א גראם=שטראם, מאך מיר א לעטניק". אמד, דער פלוך, ווילנא, ז' 39.

1929 " [...] נעם מיט בבא=מעשות | טעקסט: באווע=...|".
נג, אידן, נ"י, ז' 8. 453

1967 " האבן זיי [...] ארייגעזאלצן זייער אך אלטע באבע=מעשה." יג, טמוז, 24/XI. 451

2. ( ביטול ) וועגן רייד, ידיעה וואס איז אבסורדאל, אום-גלייבלעך, אדער סתם פאלש, אויסגעטראכט אויף אפצונארן. % די אלטע אינפארמאציעס וועגן די פליענדיקע שעלער זיינען באבע=מעשיות. אלץ וואס צו זאגסט איז ליגן!

1904 " דער קאפיטאל האט ביז איצט פארטיידיקט די אלע יסורים,
וואס ער האט אליין באשאפן, דורך די אלטע באבע=מעשיות, 449
וועלכע ווערן געפריידיקט אין קירכע און [...] שול, אז מאסן=ארעמקייט מוז שטענדיק עקזיסטירן". מ. שיפפעל, די עקאנאמישע איבערקערענישען און דיא ענטוויקלונג פון דער סאציאלדעמאקראטיע, ושענעוו, ז' 27.

1951 " אלע מעשיות וועגן יידישן פאראט און יידישן שפיאנאזש זיינען ניט מער ווי אנטיסעמיטישע באבע=מעשיות.
ל. שטיין, זב ליטע I, נ"י, ז' 92. 450

באָבע=נאָגל -- דער, מצ =נעגל. גרויסער, שפיציקער און פארקרימטער נאגל פון פינגער, ס'רוב ביי שוחטים, אויך דערמאנט אין באשרייבונגען פון מכשפות, ניט=גוטע אָע.

באַב- 33.

1893 " [...] עוד העיד אחד שהיה לו על אצבע אגודל צפּורן

456 עב ומשונה הנקרא באַבע=נאַגל |טעקסט:באַבאַ נאַגיל|".

הרב ז. פרענקיל, שו"ת משיב כהלכה, קראקא, חלק אבן העזר,

סימן ו׳.

1930 " [...] די טריט שווערע, אַקסענע, הענט [...] מיט צעקרימטע

457 באַבע=נעגל". אפּא XI, ווילנע, ז׳ 91.

1960 [...] אן ארויסגעשטארצנדיקער בויך, צו קורצע פיס

460 מיט גוליעס און מיט באַבע=נעגל אויף די גראבע פינגער".

באש, פאר, XI, 13.

באַבענטשן -- טרוו. [קטוו]. באַבענטשן א זאך צו ניצן

555 ווי א סגולה" [קטוו].

באַבענינע [באַבענינע?] -- די, =ס. "מאַגער פלייש"

556 [קטוו].

באַבעניצע -- ----> באַבעסניצע.

באַבעניק -- "מאכל פון אנגעריבענע קארטאפל פארמישט

559 מיט ווייצנמעל" [קטוו].

34 - באָב

ב אַ ב ע ס -- די, במצ. "דער שליאַם, וואס פארמירט זיך אין

560 נאָז" [קטור].

BABAS —

ב אַ ב ע ס I -- די, במצ. (שגל) ברילליאנטן.

1957 " באָבעס - ברילליאנטן. [...] באָבעס פלעגט מען ניט

562 איין מאל באהאלטן פאר זיך, הגם פאר דעם האט געקומט

|?!| טויטשטראָף, די וואס האבן עס געטאן, האבן געהאפט,

אז די באָבעס וועלן זיי צו נוץ קומען, אויב עס וועט

זיך איינגעבן צו אנטלויפן". בלום, יישפ XVIII - 1.

ב אַ ב ע ס II -- די, במצ. קינדערשפיל [סטוטש 517].

34 - באָב

ב אַ ב ע ס נ י צ ע -- די, =ס. 1. א פרוי, וואס פלעגט

האנדלען מיט געקאכטע באָב איין מארק אדער פלעגט עס

ארומטראגן פאר די לערנערס אין בית=מדרש.

1872 " א היטעלע מיט א פעדער אין דער הויך, גייען שוין

572 באָבעסניצעס אויך". ש. קולבאק, דברי שלמה, איידקונען,

ז׳ 9.

1889 " ווער געדענקט ניט, ווי שרה די באָבעסניצע איז געזעסן

565 אלע נאכן דאווענען אין בית=מדרש גופא מיט איר קאשיק

ארבעס און באָב, און כמעט אלע פלעגן צוגיין צו איר,

אין טלית נאך, |...| נעמען פאר א האלבן |גראשן?|

ארבעס אדער ווייכן באָב". יפאל, נ׳ 22, ביילאגע, ז׳ 642.

2. (שש) א יידענע א פלוידערקע, א שעלטערקע [סטוטש 373].

35 - באָבע

באָבעצע – די, דער, דאָס (פּאַמיטשטוועל) באָבעצע, טוואָרצע

1. אַן אַלטע פֿרוי, זקנה.

1893 "[...] ווי אַן אַלטע אָפּגעלעבטע 80=יאָריקע באָבעצע אין דיינער צווישן אַ מאַסע יונגינקע, שייניקע, פרישינקע יונגפרויען [...]" ב. פייגענבוים, די גאולה, נ"י, ז' 44. 503

1935 " די אַלייך מיט דיין גאַנצער נשמה ביסט געוואָרן אַן אַלטע באָבעצע". פּה, רויטע פעלדער, II, נ"י, ז - 694. 476

1957 " אַן אַלטע באָביצע, וואָס שעפּט וואַסער פון אַ ברונעם. ברוס, שטילע ערד, נ"י, ז' 27. 478

2. (ספּעציעל) אַ באָבע פון אייניקלעך אין די עלטערע יאָרן.

1861 " איר ווייסט ניט ר' |...| די מעשה מיט דעם דוד | זיידע | און דער באָבעצע מיט די קינדערלעך |...|. י. אַקסענפעלד, שטערנטיכל, ז' 17. 477

1939 " אַן אומה! – רעדט נאָך אַן צייך מומע לאַהקע, די באָבעצי, אוריס מומע". זש, שקלאָווער יידן, ווילנע, ז' 112. 471

1973 " זייך בלויז אַ באָבעצע, וואָס ברענגט נאַשוואַרג פאַר די אייניקלעך, איז ניט געווען אין איר כאַראַקטער". חג, פּאַר, VIII/12. 472/א

3. (ביטול) אויף מאַנצביל מיט אַ ווייבערישן כאַראַקטער, אויך אַ צעקראַכענעם פאַרשוין.

1894 " אַ ספּאַדניצע דאַרף מען דיר אַנטון! אַ באָבעצע בלייבסט אַ באָבעצע! אַ מענטש האָט חשק ליגן ביי דער ווייב אונטערן פאַנטאַפעל". בר כוכבא, דער פּוסטער, ווילנאַ. 502/א

8. שלעכטע מכשפה [אה"ו].

35

~~35ב~~ באַב

באַבעצע I — פֿון באַבקעצע (←).

באַבעצע II — דער הענגשטאנג ביי א זשוראוו=ברונעם.

1957 " פון פריידע=לאהס ברונעם |...| האבן מיר אלע שכנים גענומען וואסער אויף שבת. דער עמער אויף דער באביצע האט געסקריפעט פון גאנץ פרי אן.". מאל, א שטוב מיט זיבן פענצטער, נ"י, ז' 278. 482

באַבעצע III

1. פלאטשיק קליין שטיינדל, וואס ווערט געבליצט אין א קינדער שפיל: מע ווארפט עס האריזאנטאל איבער א וואסער ( טייך, אזיערע ) אזוי אז עס זאל אפשפרינגען פון וואסער וואס מערער מאל. 'ווארפן באבעצעס', שפילן אין באבעצעס'.

2. קינדערשפיל. "שפילן אין באבצי. קינדער נעמען זיך צונויף און נאכן אויסציילן גייט איינס פון זיי ארויס און זוכט אויף דער ערד; פרעגן די קינדער: באביצי, באביצי, וואס קליבט איר? - ענטפערט דאס קינד ( די באבעצע): שפענדלעך. פרעגט מען: אויף וואס דארפט איר שפענדלעך? -- צו לייגן א פייערל..." | קסוו | . 483

..............................................................

באמ: די שפיל איז ניט דערקלערט גענוי, ביז סוף.

35ב

בווב: 35ב

באבעצע IV - ב׳, =ס.

. (רעג. ליטע) "א סטראשידלע, אן אפשרעקער וואס

שטייט אין א גארטן/פעלד אפצוטרייבן די פייגל"|קטור|.

באביצע V - ב׳, =ס

"באביצע -- מין גרויסע גאנדז

מיט א קראפ" [לופלש I].

478

הערה: אין אוקראינית את זה ב[illegible] ביטוי „באבעצע"; = Баба

= עוף פעליקאן (ואן: (PELECANUS CRISPUS =

אפשר הפרש לפשוט [illegible].

36

36-באַב

36 ב א ב ע ן -- דער, =עס. ( לאַקל, פּאַניק, גאַליציע).

" א סטאַשידלע פאַר קליינע קינדער", % אַז דו וועסט נישט

פאַלגן, וועט דיך נעמען דער באַבען" [קטוו.] 574

ראש=חודש אלול איז ראש=חודש באַבעך -- „א חודש וואס

שרעקט ( אַלוזיע צום באַטייט ימים=נוראים )" [קטוו]. 573

ב אַ ב ע ר I -- געוויקס ( ---> באַב ).

ב אַ ב ע ר II -- בעל=חי ( ---> ביבער ).

ב אַ ב ע ר ג ל ע ן -- טרוו. (שלעפּ?) ארומשיטן, אויפהייבן די ערד

ארום א פלאַן.

" זעכצן אקעראייזנס באַבערגלען ווייך דעם טאַבאַק". 1951

מ. שוויד, אלע לידער,... ז' 56.

36

באַב-26 (1036)

באַבערדעט — אַדי. דאָס באַבערדיקט.

1926 " יאנקעלע איז אריינגעקומען אין בית=דין שטוב [...] געוואָרפן א קוק אויף די רבנים, באַבערדטע יידן, און זיך דערפילט אומהיימלעך". אפּאַ V , ווילנע, ז' 148. 578

באַבערדיקט — אַדי. מיט אַ באָרד. ס״ע באַבערדיקטע ייִדן.

1954 " ניט קיין זכר פון בית=מדרש [...] ס'געסל מיט טראטוארן, וואס האבן גאנג געלאסענעם פון זיידעס, זיין באבערדיקטע, מיט אייניקלעך - פארנומען". ש. ווארזאגער, יזב כעלם, יאהאנעסבורג, ז' 623. 584

באַבערדלדיקט — אַדי. דאָס באַבערדלט.

1934 " אפט פלעגט אזא שמועס פארוואנדלט ווערן אין א דיספוט צווישן פּיאָדערן און די אלע באבערדלדיקטע ארבעטער, וואס זיינען געווען געניגט צום תלמודישן פּילפּול". צ. זעליקסאן -באבראווסקאיא, די ערשטע 20 יאר, מאסקווע, ז' 12.

באַבערדלט — אַדי. מיט אַ בערדל, מיט אַ קליינער בערד. ס״ע באַבערדלטע ...

1908 " [...] עס קומט אריין א בלייכער באבערדלטער יידל מיט א נאיוועטער שאלה". מר, III, נ"י, ז' 80. 589

באַבערל -- דאס, =עך. 1. גיפטיק געוויקס ( וואַנג (Physalis Alkengi / Belladona) , וואקסט אין ווארעמען און מעסיקן קלימאט, געוויינטלעך אין שאטנדיקע ערטער אויף בערג, פּאָזע א 586

וועלדלעך און לעבן וועגט; די פרוכט פון באַבערל כאַפּט
דעם אנבליק פון א וויינשל; פון דער פרוכט, בלעטער
און ווארצל באקומט מען אַטראָפּין, א סובסטאנץ גענוצט
אין מעדיצין. און עלטערע דייטשע און רוסישע ווב ביים
ווארט בכּוון ארויסגעהויבן א פארשפרייטער Муханка
נאָמען פאר באבערל: יודענקירש' און Жидовская вишня
2. פּקפּ פון באַבער=באַב ( <---- ).

באַבערן -- אדי [באַבערנע, באבערנער]. פון דעם פּוטער
( פּעל ) פון א באַבער /ביבער.

1887 " אַ פארשמאַלצעוועטע יארמלקע |...| קוקט העכער האלב
ארויס אויף דער זאפּוטילניצע |(קארק, נאַקן | פון אונטער 600
אן אפגעקראכענעם באבערנעם וואַרניקל [=מין פּוטערן היטל]!"
ייפאל, נ' 17, ז' 250.

1895 " באלד דערויף האט זיך געעפנט די טיר פון איר קראם,
~~[illegible]~~ 601
עס גייט ארײַן א מאן אין א שאפּנפעלץ מיט א באַבערנע
היטל, פרעגט צו גארן | ציגארן?|" ע. בלאשטיין, איין
אלמנה פון א לעבעדיקן מאן, ווילנא, ז' 49.

ב'אַבערקע -- די, =ס, דזוו באבעסניצע.

1947 "א באַבערקע אפילו האט זיך אהער אויך דערשלעפּט
מיט אירע ווארעם איינגעדעקטע קוישן און גענומען 602
לייזן ביי די פארפרוירענע יונגעלייט". זש, קיסר און רבי
III, נ"י, ז' 33.

באַבקאָווע -- אדי. פּון באַביק (געוויקס, היילקרייטעך,
ווסנב (Medicago Sativa.

1913 " באבקאָווע מאַז [=זאלב, שמירעכץ], צו רייבן דעם
בויך ביי מאגן=ווייטיק". [מחבר?], היגיענישער אינפארמאטאר, 604
ווארשא, ז' 21.

באַבקע I -- די, =ס. 1. הייבאַם. % מע דארף שוין

רופן די באַבקע, די שנור גייט צו קינד.

1928 " זי האט דער באַבקע נישט געקענט באצאלן מיט א פאדאלעק

פול הארטער תבואה און מיט א פערטל בולבעס". ר. ה. קארן, 630

דארף, ווילנע, ז' 51.

2. זנאַכערקע, פרוי וואס היילט מיט היימישע מיטלען, מיט

באַבסקע רפואות.

1923 " רופאטעס, באַבקעס; און וואס באשטייט זייער קונסט?

[...] ווי קומען זיי צו דער פראפעסיע?". פגעז, נ' 2-3,

~~אנקעטע~~, ווילנע.

באַבקע II --- די, =ס. 1. געבעקס, מין קוכן, זיין

צוזאמענשטעל און אופן פון באקן ווערט אויסגעטייטשט

פארשיידן: א) „קוכן געבאַקן מיט הייוון, מערסטנטייל

קײלעכיק און פיראמידאל"; ב) „אזא מין פלאָדן"; ג) „קוכן

געבאקן אין א הויכן פֿורעם"; ד) „געבאַקן אין א בעקעלע

אין אויוון"; ה) „א גרעבער פלעצל"; ו) „קוכן געבאקן אין א

בלעכענער פארעם"; ז) „א באבקע מיט מאָן". אין פּקפּ - „קליינע

קיכעלעך, באבקעלעך פון מצה=מעל". [דערקלערונגען

פון זאמלערס" פאר דער קטוו]. "באַבקע - א געבעקס מיט

אייער און פּוטער; ס'רוב האט מען די באבקע צוגעגרייט

אויף שבת, צו שלש=סעודות; די באַבקע באקט מען אין

א טיפער סקאווורעדע אדער אין א טשארלע (די זעלבע

טשארלע וואס דינט אויף פארן לאקשענעם טייגעכץ)".

[אר, יישפ V-1, 1945, ז' 2].

1868 " אין דעם פאבן די באדינטע ארייגעטראגן א וואזע

מיט פּאַנס |?|, א טאַץ מיט פודינג (באַבקע) [...]". 614

אמד, דער מיליאנער, ווילנא.

1920 " עס פלעגן אויך זיין פארשידענע וואכנדיקע געבעקסן

[טעקסט: געבעקסער] : פלעצלעך, בוימל=בולקעס |...|, 614/א

באַבקעס, רויזן=בולקעס [...]". עלזעט, יודישע מאכלים,

ווארשע, ז' 16.

1956 " ריחות פון די באצוקערטע פלעצלעך, פון דער געשמאקער

באבקע". ש. סיימאן, ווארצלען, ב"א, ז' 109. 620

באַב– 39.

2. ( שגל )געטא=קוכן פון געריבענע קארטאפל, רעטעך, קאָלעריבן א"א מיט א קליין ביסעלע מעל, (באוועגן=ערזאץ און סאכארין, א מין פודינג, געקאכט אין וואסער א שעה אדער מער – א באליבטער מאכל אין די געטאס; אין הונגערצייטן – געמאכט פון קארטאפל=שאלעכץ"
| לאדזשער געטא=ענציקלאפעדיע, ציט בלום, יישפ XVIII–1, 1957, ז' 23.|

3. פארשיידענע פיגורן,
ל יאנקעלע פּיאנקעלע, גיי אריין אין ווינקעלע, שטעל ארויס די לאַפּקע, וועסטו קריגן א שטיקל באַבקע – ציילעניש
629 אין קינדער=שפּילן" [ ח. שעסקין, גאָפ, ב"א, 1953, ז' 61]
באַבקעמויד – ( שלש )"אויף אך אפגעלאזענעם, צו קראכענעם,
631 פארשלאָפענעם מיידל" [ קטור, סאַניק].

באַבקע !!! -- די, =עס. 1. פּאַמ נאמען פאר דעם קרייטעך (אנדערש אויך גערופן וועגבלאט), PLANTAGO MAYOR, אויך פאר אנדערע היילקרייטעכער.
1938 " זיי ביידע, ארומגעריסענע, פארמו זעטע, האלב
607 נאקעטע, ווי זיי קלייבן גרין גראז, באַבקע |...|"
נאטע לוריע, א ליבע באם יאם, מאסקווע, ז' 19.
1958 " דער וואלדהיטער האט באטראכט דעם הירשלס פעדערשטע
630 פיסלעך, וואס זיינען געווען [...] פארבלוטיקט, און האט דעם פאסטעך געהייסן אויסזופן צווישן די גראזן עטלעכע באַבקע=בלעטער". י. מעצקער, גאַטס באַשעפענישן, נ"י, ז' 40.
2. מין שוועמל ( ווסנ ) (BOLETUS SCABER).
1972 " די נעקסטע צו די גריבעס זיינען 'באַבקעס'. עס האט
609 א טונקעלן ברוינלעכן קאליר". ל. גארבער, פאר XI/15.
ם ---> 4.
1795 " פון פיל דעפעקטין און קריינקיעט אונ שלאפקייט,
637 פון שווער געוויינין. נעם טריקעני בלעטער פון באַבקעש גאנץ פרישע אונ צו רייב אויף איין פראסעק |...|"
איין ביכל וואש דרינן גיפינט זיך זאכין טשיקאווי

באַב- 40.

בעדערפטיגי און מיט נוץ, שקלאוו, תקנ"ה, סימן ק.

באַבקע IV -- די, =ס. א ביין אין פוס פון א פערד, ביי דעם טראט.

1938 " |...| טראגט פּודיקע פּאַדקאוועס אויף די קאַפּיטעס און האט קאַלטענעוואטע'בערד' אויף די באַבקעס". 638

זש, נח פּאנדרע, ווארשע, ז' 226.

באַבקע V -- די, =ס. א מכשיר צו שארפן א קאסע.

1957 " איין מאל האט די יונגע פּויערטע אראפּגעבראכט [...] א באַבקע, א היימיש געמאכט טאקער=מאשינדל און א פּאר [...] מכשירים פאר האלץ= שניצעריי". ברוס, שטילע ערד, נ"י, ז' 26. 612

באַבקע VI -- די, =ס. (ה) קליין פלאך שטיינדל, וואס קינדער ניצן אין דער שפּיל, וואס באשטייט אין ווארפן עס איבערן וואסער ( טײַך, סטאַוו אַע ), אזוי אז דאס שטיינדל זאל אפּשפּרינגען וואס מער מאל. אויך די שפּיל הייסט 'באַבקעס'.

% חברה לאמיר גיין צום טײַך שפּילן אין באַבקעס.

1901 " יינגלעך פלעגן זיך דארטן פליוסקען | טעקסט: פּאַליושקען|, ווארפן שטיינדלעך [...], פּרובירן מאכן טיפ-טעפּלעך, אדער באַבקעס". מ. א. אייזענשטאט, נאך דער גרויסער שריפה, ווילנא, ז' 5. 627

באַבקע VII -- די, =ס. 1.( ארכ ). אלט=פּוילישע קליינע מטבע.

2. אין פֿקפֿ, מצ, באַבקעלעך. ( גלש )"געלט, קלינגערס" [ קסוו ], 667-668

... " דער פריַיער האט באַבקעלעך". ש"ע, מאשקע גנב. 667

ם בבקא.

-----> 1.

1715 "והנקב הוא עגול וגדול כמו מטבע שקורין בבק'א" . הרב יהושע בר' יוסף, קראקא, שו"ת פני יהושע, אמסטרדם, 605

באב -41.

<ЦК: Бобковець; P: bobek (Laurus nobilis

תע"ה, חלק יורה דעה, דף כא - 2.

באַבקע I -- די, =ס. 1. לאָרבער, (וועבנאַ

ס'רוב געניצט אין דעם צונויפהעפט באַבקעבלעטער (געווירץ).

1966 " יאדוויגא האט געקאכט [...] קארטאפל, פארבראקט

635 מיט קאָפּער, באַבקעבלעטער, פעטרושקע". באש, פאר, VI, 3/.

1973 " פון פארטאגס האט מען שוין געפילט אין שטעטל דעם

657 ערב=שבת. [...] עפעס א קלייניקייט וואס עס פעלט? [...]

א ציבעלע, א שטיקל צימערינג, א ביסל באַבקעבלעטער".

יזב, סאסנאוויץ, ת"א, ז' 440.

(ברוח=דווקא)

באַבקע II -- די, =ס, 1. פּפ ביבקע. קליינע קיילעכיקע

זאַך, קיַיקעלע, קנײַדל. % א באַבקע טייג. די קינדער

שפילן זיך און מאכן באַבקעס פון ליים.

1939 " האניק=טייגלעך אפגעשאטענע מיט מאן און געשניטן אין

656 דער קרום, אזוי אז די געשניטענע באַבקעס שטירען זיך

אויף אייך פון געברוינטן האניק ווי פריילעכע צייך".

זש, שקלאווער יידן, ווילנע, ז'136.

2. צואה פון א ציג, שעפס, זעט אויס ווי קליינע קיַיקעלעך.

% ציגענע באַבקעס. % דער שטעטלשער מארק איז נאָכן יאריד

פול מיט באַבקעס, וואס די ציגן און שעפסן האבן געלאזט.

1934 " זי האט קאָזענע באַבקעס געקאכטע, פארקויפט אין דער

650 פינצטער - א סגולה קינדער צו האבן". מלה, לידער,

II, נ"י, ז' 110.

1957 " [...] האקסט ליגנס אזוי ווי א ציג באַבקעס". ברוס,

669 שטילע ערד, נ"י, ז' 265.

3. (לאַקל, לוצעק, ) "שווארצלעך שטיקל שמוץ פון אונטערן

נאז, דאס וואס מען האט אין וואליך געדופן קאָזע(ס).

'ארויסנעמען די קאַבקעס פון נאָז'". | י. גאנוזאוויטש,

יישפּ - XXVI, 2, 1966, ז' 53.

4. אינט, באטייט: עט! מילא! נארישקייטן!

... " ראָק, הויזן, שטיוול - צעריסן! // באבקעס! אים שאדט

נישט קיין קעלט.// איי - וואס? ער האט נישט קיין דירה? 671

// דער הימל, דער איז זיין געצעלט". פרץ, פאעזיע,

ליד "דער פאעט", ...ז' 31.

פפ: ווי (ציגענע) באבקעס - א סך, געדיכט.

קיילעכיק ווי ציגענע באבקעס.

שיטן (ווי) מיט באבקעס (וואר: ווי א ציג מיט באבקעס;

1894 " [...] און יענע וואס קענען עפעס [שרייבן]

שיטן מיט ראמאנען ווי א ציג מיט באבקעס". 641

א.י. בוכבינדער, דיא שיינע גיטעלע, ווארשא, ז' 46.

1934 " זיי האבן אונדז באשאטן מיט קוילן, ווי ציגן

מיט באבקעס". ש. ברעגמאן, אפן מיזרעך איז אומרויק, 643

מאסקווע, ז' 315.

עס שיט זיך רייד פון זיין מויל ווי פון א קאזע באבקעס;

- ער פלוידערט א סך, געדיכט.

ער שיט מיט חכמות ווי א ציג מיט באבקעס - וואס חכמהט

זיך צו פיל, דערציילט וויצן נאך אנאנד, אפילו ווען

ס'קלעפט זיך ניט.

זי שיט מיט באבקעס (וואר: זי שיט מיט קינדער ווי א ציג

מיט באבקעס) - אויף א פרוי וואס קינדלט א סך.

ב א ב ק ע=ב ל ע ט ל - דאס, ס'רוב אין מצ.=עך.

|סטוטש 249| (באט, מעד) היילקרייטעך.

רעד: וואסער געוויקס? אפשר דאס זעלבע וואס באבקע ???,

'וועגבלאט'?

42a - באָב -

באַבקעוואַטע - אדי/אדוו. 1. צו ווייך, פּוכקע ווי א באַבקע (געבעקס), דאס ברויט איז ניט גוט אויסגעבאַקן, ס'איז אַ ביסל באַבקעוואַטע.

2. (פּיג) צעקראַכן, שלאַבעריק, לויז.

1901 " אן אויסגעפּוצטע דאמע מיט א קליין נעזל, מיט באַבקעוואַטע הענט". שע, "וואס איז חנוכה", ציט אויסג אלע ווערק, נ"י 1944, ב' VI - 3. 663

3. מיאוס, מגושמדיק [לב].

1876 " ווייניקסטנס איז א סך גלייכער א לופּטקוש פון אן אלטער באַבקעוואַטער ארטיסטקע, איידער א ליטעראַרישער ביס פון אן אויסגעדיייוורט טשאַכאַטשנע מחברל". ייל, דאס משלחת, זשיטאמיר, תרל"ו, ז' 56. 662

באַבקעווען - אוטוו. (שש) שווינדלען אין קוויטלשפּיל, שפּילן פּאַמפּע [רעדנ'ן בקוויז]

665 איין קאַרטנשפּיל, טאַליע, פאַלש די קאַרטן". קשוט.

ב אַ באַר -- דער, =ס, בעל=חי.---← ביבער.

באַבראַווע -- אַדי. פון א באָבער (ביבער). ער טראָגט א באַבראַווע פוטער.

1911 "[...] האבן זיך מיישב געווען די חסידים און האבן

676 געמאכט זייער רב א טכוירענעם פוטער מיט א באַבראַוון קאלנער." [...] סאלאמאן וואיאזשאר, א שלום וועלכער איז געשלאסן געווארין [...], סלוצק, ז' 14.

1938 "[...] מיט דעם גוטן באַבראַוון קאלנער איבערן פוטער". 675

זש, נח פאנדרע, ווארשע, ז' 189.

באַברוימען -- ---← באַברעמען.

באַברילט -- אַדי/אַדוו. וואס איז מיט ברילן.

א באַברילטער יונגער=מאן. עס קומען אריין צוויי באַברילטע פארשוינען.

1921 "[...] דערנאך - אין גרוי באַברילטע אויגן שפּיציקע

687 אריינגעשפּיגן". בראַד, שווארץ=שבת, ז' 21.

1939 " אנגעקוקט [...] מיט צוויי פינצטערע באַברילטע אויגן".

683 זש, ביים דניעפּער, ווילנע, ז' 217.

1972 " דער באַברילטער בוכהאלטער און די באַברילטע סטענאגרא-

692 פיסטקע האבן זיך אויפגעריסן פון די ערטער". ה. ראזענפארב, דער בוים פון לעבן, ח"א |ב' I, ז' 145.

באַברימען -- ---← באַברעמען.

באַבריק -- דער, =עס. 1. פּקפּ פון באָבער (← ביבער).

2. דיקער טעקסטילשטאף, מיט שטייענדיקער וואָרסע, פערעלעך.

(E: Fleece)

ווינטער טראָגט ער א מאנטל פון באַבריק. %

3. מאנצבילשע פריזור: קורץ געשוירן, מיט א בינטל שטייענדיקע האָר פון פארנט. % ער שערט זיך מיט א באַבריק און די

עטלעכע האָר איבערן שטערן סטאַרטשען אים ווי נאָדלען.

4. (שש, איר) דזוו בויבעריק.

1967 " פֿאַרבן באַבריק אין גן=עדן ( ביים אָפּלאָזן פֿון א ניט=ריכטיקן מארשרוט)"י.טשערניאַק, יישפ.-XXVII-3, ז׳85.

(פֿפֿ (דוטל?) באַבריוועלע, באַבראַמט)

באַבר ע׳מ ט -- אדי/אדוו, 1. [illegible] מיט ברעמען.

1888 " אויף דעם ארט פֿון די אויגן זענען צוויי טיפֿע לעכער, באַברעמט מיט א שמוציק געקניישטער הויט.

707 ממוס, די קליאַטשע, קאַנק: 5371560.

1949 "[...] א פֿינטל געטאָן מיט געדיכט באַברעמטע אויגן".

711 י. שפּיגל, מענטשן אין תהום, ז׳ 100.

2. ארומגעזוימט מיט עפּעס (זוים, קאַנט, פֿאַס א״ע ).

1870 " אין א קאַפּטן איז ער געגאַנגען באַברעמט | טעקסט: באַברײַמט | מיט פֿוקס". קמ, נ׳27, ז׳ !!!,-200.

1904 "[...] א יאַרמלקע [...] מיט זילבער באַברעמט". [illegible]
(דאָס איז וואָס, אויסג ני 1944, ב׳׳ג)

708 שע, שווער צו זײַן א ייד, ...ז׳ 134.

1961 " זיי זענען באַוואַקסן מיט הויכן אטשערעט און באַברעמט אין מזרחדיקן (מיזרחדיקן) האריזאָנט מיט שטעלע גרינע

724 ביימלעך". בערג, אויסדערוויילטע ווערק, מאסקווע, ז׳ 653.

באַברעווען|זיך -- ---> באַברען זיך.

(באַברעמען)

באַברעמען -- טרוו. | סטוטש 526,143 |, פּפּ זן: באַברימען.

( שניידערײַ/קירזשנערײַ) ארומנעמען מיט א ברעם (זוים, קאַנטל, פֿאַס), ארומזוימען, ארומלייגן א בגד מיט אן אנדער שטאָף ביי די ברעגן. % דער שניידער באַברעמט די ארבל מיט פֿוטער.

באַבראַמעכל -- [illegible] -- דאָס, =ן, | סטוטש 526 | 1. דער ברעם, די זוים. % א באַברעמעכץ פֿון זילבערנע פֿעדעם.

2. ( איר ) וועגן א שלעכטן אופֿן פֿון באַברעמען. % [illegible]
באַברעמעכץ [illegible]

באַברעון זיך --קטוו-- באַברען זיך.

[illegible]

ב אַ ב ר ע ן -- טרוו./ אומוו. פּפּ באַברען. (שש) 1 אויפּרירן,

צעשאַרן, באַטאַפּן. % ~~אויך א~~ מענטש, ~~דאס~~ האט ליב 736

~~געהאט~~ אַלץ אָנצורירן, צו באַטאַפּן, ~~פלעגט מען זאגן:~~

ער באַברעט מיט די הענט. וואס באַברעסטו 745

דאָרטן - קערסט אַלץ איבער האָרע=קאָרע, איך וועל שוין 739,747

נישט וויסן וווּ עפּעס ליגט.

1902 " א וועסנע זון איז זיך גאר מיישם און באַברעט [באַברעט?]

מיט פייער דיקע שפּיזן אַזוי טיף אין די פאַרבאָרגענע

אוצרות פונעם שטעטל, ביז דער שניי צעגייט". ש. שייך, 730

דיא ירושה, דראהאביטש, ז' 17.

2. זוכן, נישטערן. % ער באַברעט אין אַלע שופלאַדן און געפינט

נישט די נייטיקע דאָקומענטן.

1895 " ווי זי האט געעפנט די שקאטולקע [...] האט זי נאך

א צוויי מינוט געבאַברעט און [...] ענדלעך אויסגעשריגן 735

מיט א ווילד קול: קלמן, דאס צירונג איז ניטא!.."

יעל, דאס פּוילישע יונגל, אדעס, ז' 155.

3. קאַלופּען, ארויסבאַקומען, ארויסשאַרן.

1933 " [...] האט געענדיקט עסן און איז אריין מיטן [...]

פינגער און מויל אריין, ארויסקאַלופּענדיק שטיקלעך 769

פלייש פון די באַקציינער מיט די באַברענדיקע פינגער.

|...| ער האט מיט א מאל אויפגעהערט באַברען און זיך

צעלאַכט". קוו, צוויי, מאסקווע, ז' 106.

1939 " חיים=בער טוט א לאַנגן גענעץ, באַברעט א ווײַלע אין 743

דער נאָז". מ. בורשטין, ברויט און זאַלץ, ז' 6.

ב אַ ב ר ע ן ז י ך -- אומוו, פּפּ: באַברען זיך,

(זז) באַברעווען זיך. 1. רירן זיך, באַוועגן זיך אומרויק,

אומזיכער, אומגעאָרדנט, אָן אַ טאַלק.

1902* דער טאטע דערהערט דורכן שלאף, ווי עמעצער באַברעט זיך

[...] האט ער אנגעהויבן צו שרײַען [...]: קיש! "שע,

אויפן פידל, מעשיות פאר יידישע קינדער I, ז' 38.

1935 " דער שיכור איז אנידערגעפאלן אויף דער ערד. זי האט

727 געזען, ווי ער באברעט זיך אויף אלע פיר מיטן בעריש ב
בריטן גוף. ". נויעך לוריע, א געוויינלעכ לעבן,
מאסקווע, ז' 107.

1952 " מען ציט זיך אויס אין א ווייכער בלאטע און מען
באברעט זיך דארטן, אויסגעשמירט פון קאפ ביז די פיס".
זש, קיסר און רבי V, נ"י, ז' 216.

2. פארען זיך. פארנעמען זיך מיט עפעס וואס פאדערט מי,
קלאפאט, אנשטרענג, גריבלען זיך אין אן ארבעט.

~~1933 " דער זון שווייגט [...] זעצט זיך אוועק צום טיש~~

726 1933 ער באברעט זיך ביים ארייגפירן דעם אטאמאביל".
ש. מיללער, די שמאלצגרוב, ווילנא, ז' 355.

1935 " דער זון שווייגט [...], זעצט זיך אוועק צום טיש,
756 נעמט דעם שרויפן=ציער און באברעט זיך אין א זייגערל".
א. קאהאן, אהרן ליבערמאן, קיעוו, ז' 187.

1961 " דער פרעמדער פארשוין האט זיך א היפשע ווילע געבאבעט
757 צו לייגן ריכטיק די תפילין און פארוויקלען די רצועות,
אזש א שווייס האט [...] ארויסגעזעצט". פ. רודאי, טמז.
II/ 19.

3. צעשארן, באטאפן/ארומטאפן כדי עפעס אויסצוזוכן, צו
געפינען.

... " א טייל האבן זיך געבאברעט, געגישטערט און די
758/746 הויפנס מיסט פון זייערע אפגעברענטע הייזער". ממוס,
שלמה ר' חיימס, ציט אויסג מענדעלי". גוו 18,
ווארשא, ז' 103/102.

1893 " [...] לייגט ער אריין די האנט אין קעשענע [...]
741 באברעט זיך דארט א רגע, שלעפט ארויס א גרויסן
צענער און גיט מיר אים חנוכה=געלט". בן =עמי, די
ערשטע נאכט פון חנכה, אדעססא, תרנ"ג.

1958 " זי האט זיך האסטיק אראפגעבויגן און גענומען
764 זיך באברען ביי איר זאק איבערן פוס". מ. דלוזשנאווסקי,
פאר, I/ 20.

~~4. (אבר/שפאטיק) טאן עפעס, פארען זיך צו לאנ~~

1960 "[...] נישט שטענדיק קען מען זיך באברעווען אין א

מכה" | י. אקרוטני, א שטייך צוקאפנס, ב"א?, ז´ 124. 702

4. (איר/שפאסיק) טאן עפעס פארען זיך צו לאנג אדער

פאמעלעך, אויך בכלל וועגן ארבעטן, אויב מע האלט עס

פאר אומוויכטיק, אומנייטיק.

1870 "[...] נאך וואס פאר מין בעלי=טובות! עס קען שוין

גאר קיין בעסערע ניט זיין, און וואס מער איז - זיי 750

האבן זיך ביי עפעס צו באברען" קמ, נ´2, ז´ 10 - !!!.

" וואס טוסטו דארטן? וואס באברעסטו זיך אזוי לאנג?"

שע, כתרילעווקער שרפות, ניי כתרילעווקע, ז´ 115. 738

1936 " פארלאזט זיך ניט אויף זיי. שוין א חודש, אז זיי

באברען זיך, אט די שטילגייערס, און עס קומט גארניט 763

ארויס". איבז ב. מארשאק, פון אי. ערענבורג, דער טאג

דער צווייטער, קיעוו, ז´ 34.

-- דאס, בא. א סך ארבעט, דאס פארען זיך שטארק

א גרויסער קלאפאט.

1936 " דעם דריטן האט מען באאויפטראגט, ער זאל זיך דער-

שלאגן א מיטל צו מאכן פאפיר פון וואסער=געוויקסן 771

(האלץ איז פאראן, וויפל דו ווילסט, נאר מיט דער

צעלולאזע איז א באברעניש". דצוו, ז´ 249.

באבשלח | בוי בעשאלאך| -- נעמען פון סדרות אין ספר

שמות.

בא בשלח, יתרו גלח, ויקהל פקודי, מאכט מען א סעודה.

-- קינדערלידל, געזונגען אין פארבינדונג מיט אן

אמאליקן חדר=מינהג: די סדרות ויקהל=פקודי זאגט מען 773

ווען מע בענטשט ראש=חודש ניסן, און ס´ענדיקט זיך דער

ווינטער=זמן, יינגלעך הערן אויף צו גיין אין חדר,

ביי דער געלעגנהייט פלעגן חדר=יינגלעך זיך צונויפלייגן

צו עטלעכע גראשן און פארן געלט מאכן דאנערשטיק אויף

דער נאכט א סעודה.

באבשמימס | באבסאמימס| -- אדי. (שנש) באשפריצט

מיט בשׂמים, (פֿערפֿומען).

" האט דער ווינט עס צו מיר בין=השמשות געבראכט, 1913

774 / געוויקלט אין זיינע באַבשׂמימטע פליגלען?". יהואש, זון און נעבל, ליד "א זיג", ....

ב א ב ש נ י ם [באַ בעשאַנים] -- דער, מצ באַי ~ [באַעי ~]. א באַיארנטער מענטש, איינער וואס איז שוין אריין אין טיפן עלטער. % דער זיידע איז פון לאנג א באַ בשנים, מסתמא אריבער די אכציק.

" מיר זיינען עלטער געווארן און מיט אונדז איז אויך 1953

15 דער וואלד געווארן א בא בשנים". מ. ברעוודא, באַראנאוויטש, ת"א?, ז' 372.